די דערציילונגען פֿון די שפּורן זענען אַ פֿאָדערונג און אַ געוועט. אויב די יונגע דורות וועלן עס אָננעמען, זיך נאָכפֿרעגן, איבערשרײַבן, פֿאַרצייכענען, זיך אומקערן צו אַן אַלטער פֿאָטאָגראַפֿיע, אויסהערן אַ ליד אויף ייִדיש, איז דאָס אַ גאַראַנטיע אַז די ירושה וועט זײַן דויערהאַפֿטיק.

די שול איז אָן קיין שום ספֿק אַ פּריווילעגירט אָרט צו פֿאַרשטאַרקן, באַשיצן און געבן אַ נײַע באַדײַטונג די שפּורן און די שאַפֿונגען. דעריבער איז אַזוי וויכטיק אָט-די אונטערנעמונג, אַ באַגעגעניש צווישן געשיכטע און די פֿאַרשידענע פֿאָרעמס זי צו באַנײַען און דערציילן. אויב דאָס געשעט, קענען מיר האָפֿן אויף זיכערע אין פֿאַראַנטוואָרטלעכע פּראָיעקטן, אײַנשליסנדיקע און רעספּעקטפֿולע פֿאַר דעם זכּרון און פֿאַר דעם לעבן.

זאָל אַזוי זײַן.

אַנאַ דיאַמאַנט

איקוף אַרגענטינע

אין אַ נאַכט האָבן מיר שוין אַלץ געהאַט פּלאַניפֿיצירט: מיר זענען אַנטלאָפֿן דורך אַ קליינעם טונעל אונטער דעם פּלויט. אַ לאָדקע האָט אויף אונדז געוואַרט בײַם ברעג, אַ דאַנק שמאיען וואָס האָט געהאַט פֿרײַנד וועגן וועלכע ער האָט מיר ניט דערציילט.

מיר האָבן געהאַט דערפֿאָלג מיטן ערשטן טייל פֿון פּלאַן. אָבער זיי האָבן שוין געהאַט באַמערקט אַז מיר זענען ניטאָ און מע האָט אונדז אָנגעהויבן אַרומצוזוכן. שוין אויף דער לאָדקע האָבן מיר דערזען די נאַציס איבער אונדז. שמאַי האָט אַ שטופּ געגעבן דאָס שיפֿל. ״אויב מע וועט אונדז כאַפּן, איז ביידע צוזאַמען״! – האָב איך געזאָגט. שמאַי האָט מיך געקושט און געזאָגט: -״גאַמאַל דו מוזסט לעבן פֿאַר ביידע! איך האָב דיך ליב!״ ער האָט אַ שפּרונג געטאָן און געשווּומען צום ברעג און פֿאַרשווּונדן אונטער דער שיסערײַ פֿון די סאָלדאַטן.

אונדזערע בראַסלעטן זענען געווען ווי חתונה-רינגלעך, און איצט האָבן זיי באַקומען אַ טיפֿערן באַטײַט.

כ׳האָב שפּעטער פֿאַרשטאַנען אַז אַנטלויפֿן איז געווען מײַן בעסטער באַשלוס. כאָטש כ׳האָב געמיינט אַז איך שטאַרב, בין איך אַרויס אַ לעבעדיקער. מײַן פֿרײַהייט האָט מיך געקאָסט מײַן גרעסטע און איינציקע ליבע. אונדזער ליבע האָט געמוזט זײַן אַ געהיימע ווײַל ס׳איז ניט געווען ניט דאָס אָרט, ניט די צײַט, און ניט פֿאַר אונדזער רעליגיע.

כאָטש די ״טונקעלע״ טעג אין געטאָ, איז ער געווען די זון וואָס האָט באַלויכטן מײַנע טעג און געשאַפֿן פֿאַר מיר אַ סיבה ווײַטער צו לעבן.

די געשיכטע פֿון מײַן קומען קײַן אַרגענטינע איז אַ לאַנגע. אפֿשר וועל איך עס אַ מאָל דערציילן מײַן זון, ווײַל ער פֿרעגט מיך אָפֿט וועגן דעם. אָבער איך האָב ניט קיין מוט אים צו דערציילן פּרטימדיק.

ווען איך בין אָנגעקומען קײַן אַרגענטינע האָט מען מיך זייער גוט אויפֿגענומען און איך האָב גוט פּראָגרעסירט אין מײַן לעבן. און ניט געקוקט אויף דעם, פֿלעג איך בײַ נאַכט חרטה האָבן איבער מײַן פֿאַרגאַנגענהייט מיט שמאיען.

אַ פּאָר מאָל האָב איך געקלערט מיר צו נעמען דאָס לעבן.

אָבער כ׳האָב געדענקט זײַנע ווערטער: ״גאַמאַל דו דאַרפֿסט לעבן פֿאַר ביידע״. זײַן טויט זאָל ניט האָבן געווען אומזיסט.

איך האָב חתונה געהאַט מיט אַ ווּונדערלעכער פֿרוי. נאָך אַ צײַט האָט זי געבוירן אונדזער זון און כ׳האָב געהאַט אַ גליקלעך לעבן. מײַן מוח, די רפֿואות, די צײַט, האָבן באַגראָבן שמאיס אָנדענק, וואָס קערט זיך היינט אום מיט דעם בראַסלעט. כ׳האָב געמיינט אַז נאָך אַזאַ לאַנגער צײַט וואָלט איך אים שוין ניט געדענקט. אָבער איך האָב געווּוסט אַז איך וועל אים שטענדיק ווײַטער ליבן אין אַ פֿאָרעם וואָס קיין אַנדערער מענטש וועט ניט קענען פֿאַרשטיין.



שמאי און גאַמאַל

עס איז שפּעט. די זיצונג האָט זיך פֿאַרלענגערט מער ווי איך האָב געקלערט. די יאָרן הייבן זיך אָן צו מערקן. איך וואָלט שוין געוווען גדאַרפֿט איבערגעבן מײַן זון די פֿאַראַנפֿאָרטלעכקייט פֿון מײַן אונטערנעמונג.

כ׳האָב וועגן דעם געטראַכט ווען יאָסל, מײַן סעקרעטאַר, איז אַרײַן און מיר דערמאָנט די רײַזע וואָס איז פּראָגראַמירט אויפֿן 5טן דעצעמבער קײַן דײַטשלאַנד. שטאַרק באַלעסטיקט איבער דער צאָל פּאַפּירן וואָס איך האָב נאָך ניט באַוויזן אויסצופֿולן אַ פּאָר טעג פֿאַר מײַן פֿאָרן, האָב איך באַשלאָסן צו בלײַבן ביז שפּעט אין ביוראָ. איך האָב אין ערגעץ ניט געפֿונען מײַן פּאַס.

נאָך אַ פּאָר מינוט אומזיסטע זוכעניש איז מיר בלויז געבליבן איין שופֿלאָד וועלכן איך האָב ניט געקענט עפֿענען. עס איז געווען פֿאַרשלאָסן. כ׳האָב געזוכט אין דעם בינטל שליסלעך, כ׳האָב געפּרוווט עפֿענען מיט אַלע וואָס איך האָב געהאַט. עפֿענען דעם שופֿלאָד איז פֿאַר מיר געוואָרן דרינגענדיק.

קיין שום שליסל האָט ניט באַוויזן צו עפֿענען, און יאָסל, וואָס וואָלט מיר אפֿשר געקענט העלפֿן, איז שוין ניט געווען אין ביוראָ. ער איז דער איינציקער וואָס ווייסט ווו איך לייגאַוועק די זאַכן ווען איך געדענק ניט. כ׳האָב זיך דערמאָנט אַז ער האָט מיר עפּעס געזאָגט וועגן אַ נײַ אָרט ווו ער האָט געזאָלט באַהאַלטן די שליסלען. איך בין צוגעגאַנגען און געכאַפּט אַלע וואָס איך האָב געפֿונען צו קענען עפֿענען דעם מיסטעריעזן שופֿלאָד. מיט די ערשטע צען בין איך דורכגעפֿאַלן. דאָס זעלבע מיט אַנדערע פֿינף. אָבער איך וועל זיך ניט אונטערגעבן!

ווען איך האָב פֿון דאָס נײַ געפּרוּווט מיט כּח, איז אַראָפּגעפֿאַלן אַ שליסל מיט אַ קליין ברוין פּושקעלע. דאָס קעפּל פֿון דעם שליסל האָט געהאַט די פֿאָרעם פֿון אַ רויז. כ׳האָב ניט געדענקט דעם שליסל ביז איך האָב דערזען וואָס עס איז געווען אינעווייניק, אין פּושקעלע. אַ שמוציקער בריוו כּמעט רוּיִנירט, האָט מיר דערמאָנט מײַן פֿאַרגאַנגענהייט, האָט מיר דערמאָנט דעם גיהנום אין יענעם אָרט, די פֿאַרשאָלטענע מענער אין מונדירן וואָס האָבן געטראָגן דעם נאַצישן סימבאָל אויסגענייט אויף זייערע מונדירן. ס׳האָבן זיך אומגעקערט די ביטערע און שוידערלעכע זכרונות וואָס כ׳האָב געוואָלט פֿאַרגעסן.

ענדלעך האָב איך באַשלאָסן צו עפֿענען דעם שופֿלאָד, אָבער שוין ניט אַזוי ענטוזיאַסטיש ווי פֿריִער. דער אינהאַלט פֿון שופֿלאָד האָט מיר פֿאַרשאַפֿן נאָסטאַלגיע. כ׳האָב גענומען דעם געשטריקטן בראַסלעט וואָס איז אַ מאָל געווען ווײַס, אָבער די בלאָטע האָט אים פֿאַרוואַנדלט אין העל ברוין. פּלוצעם זענען מײַנע אויגן פֿײַכט געוואָרן און אַ טרער האָט געגלעט מײַן פֿאַררויטלטע הייסע באַק. דעם בראַסלעט האָט באַגלייט אַ בריוו, דעם בריוו וואָס מײַן מוח האָט געוואָלט פֿאַרגעסן. ווען איך האָב אים איבערגעלייענט האָבן זיך נאָך מער טרערן געגאָסן.

ווער עס האָט געשריבן דעם בריוו, און אייגנטימער פֿון בראַסלעט איז געווען שמאַי, אַ מאַן וואָס האָט געהערט צו מײַן פֿאַרגאַנגענהייט.

כ׳האָב זיך מיט אים באַקענט אין איינעם פֿון די געטאָס, ער האָט מיט מיר געטיילט דאָס צווייטשטאָקיקע בעטל. איך געדענק ביז הײַנט ווי ער האָט מיר געהאָלפֿן אויסמײַדן אַ מאָל אַ שטראָף, אַ בײַטש, איבער מײַן שוואַכקייט און מײַן כאַראַקטער. נאָך אַ צײַט אין איינעם איז אויסגעוואַקסן אין מיר אַ ליבע געפֿיל. איך האָב זיך פֿאַרליבט ניט בלויז אין זײַנע העל-ברוינע אויגן, ווי האָניק, זײַנע שוואַרצע האָר ווי פּעך און זײַן גלאַט ווײַס פּנים. ער איז אויך געווען אַ גוטער מענטש. אַ קליינער אונטערשייד אין עלטער: בלויז דרײַ יאָר. איך ווייס ניט צי עס איז געווען מזל אָדער אַ צופֿאַל, אָבער ער האָט געפֿילט דאָס זעלביקע וואָס איך. אַ דאַנק אים האָב איך נאָך אַ פּאָר גוטע זכרונות וועגן דעם שוידערלעכן פּלאַץ. די נעכט וואָס מיר פֿלעגן פֿאַרברענגען צוזאַמען באַהאַלטנדיק זיך פֿון די סאָלדאַטן און אויך פֿון אונדזערע אייגענע מענטשן, זענען געווען פֿאַרכּישופֿטע. כאָטש מיר האָבן געלעבט אין גיהנום זענען מיר מיד געוואָרן אויסצובאַהאַלטן אונדזער אוממאָראַלישן פֿאַרקער, און מיר האָבן באַשלאָסן צו אַנטלויפֿן.

״מיר האָבן געהאַט דערפֿאָלג מיטן ערשטן טייל פֿון פּלאַן. אָבער זיי האָבן שוין געהאַט באַמערקט אַז מיר זענען ניטאָ...״

בריסאַ קאַסטיזשאָ, מילאַגראָס מעדינאַ, אַנטאָנעלאַ פּעררייראַ און גואַדאַלופּע סוריטאַ
6טע יאָר
מיטלשול ראַמאָן פּאַז פּאָססע
סאַן מיגעל דע טוקומאַן, טוקומאַן



דער מגן-דוד

פֿאַרגאַנגענעם סוף-וואָך בין איך געגאַנגען מיט מײַן מאַמען אין אַ פּאַרק פֿון מײַן ליבער שטאָט טוקומאַן. בשעת איך האָב זיך געשפּילט האָב איך געפֿונען אויף דער ערד עפּעס וואָס האָט גערופֿן מײַן אויפֿמערקזאַמקייט. ניט וויסנדיק וואָס עס איז, האָב איך עס אויפֿגעהויבן און עס געהאַלטן צווישן מײַנע הענט. פּלוצלינג האָט אַן עלטערער מאַן מיט אַ לאַנגער ווײַסער באָרד און אַ מאָדנעם הוט אויף זײַן קאָפּ זיך דערנענטערט צו מיר און מיר געזאָגט אַז דאָס וואָס איך האַלט אין מײַן האַנט איז זײַן מגן-דוד. איך האָב עס אים אָפּגעגעבן. ער האָט מיר געדאַנקט מיט אַ ברייטן שמייכל און איז אַוועק.

איך בין צוגעלאָפֿן צו מײַן מאַמען, איר דערציילט וואָס עס איז געשען און כ'האָב זי געפֿרעגט:

- מאַמע, וואָס איז אַ מגן-דוד?

זי האָט מיר געזאָגט אַז דאָס איז אַ סימבאָל פֿון ייִדישער אידענטיטעט, און עס סימבאָליזירט פֿאַרטיידיקונג שלום און גלײַכגעוויכט...

דער הימל איז געוואָרן פֿאַרכמאַרעט, האָבן מיר זיך אומגעקערט אַהיים. בשעת מיר זענען געגאַנגען האָט מיר מײַן מאַמע דערציילט וועגן דעם חורבן.

זינט דעמאָלט האָב איך צוגעזאָגט אַז איך וועל שטענדיק רעספּעקטירן יעדן מענטשן.

"מאַמע, וואָס איז אַ מָגן-דָוד?"

טאַטיאַנאַ ראַמאָס, אַמבאַר ראָסאַלעס, וואַלענטינאַ סאַנטשעס,
קאַנדעלאַ פּאַז, לעאָנעלאַ פֿיגעראָאַ
6טער גראַד
שול "9טער יולי"
סאַן מיגעל דע טוקומאַן, טוקומאַן

COMPUR-RAPID
DRP
DRGM

יידישער פֿאָלקס-טעאַטער



אין יאָר 1932 איז געשאַפֿן געוואָרן די געזעלשאַפֿט "ייִדישער פֿאָלקס-טעאַטער". פֿון איר אָנפֿאַנג אָן איז דאָס געווען אַ קאָאָפּעראַטיוו אין וועלכער עס האָבן ניט באַקומען קיין געהאַלט ניט די אָנגעשטעלטע און אויך ניט די אַקטיאָרן, נאָר די פֿאַרדינסטן זענען געווען פֿאַר דעם טעאַטער. דאָס איז געווען אַ קאָאָפּעראַטיוו וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך און פֿאַר ייִדישע אימיגראַנטן. זיי האָבן אויך ניט אַקצעפּטירט געוויסע געלט מתּנות אויב זיי האָבן עס באַטראַכט ווי שמוציק געלט, דאָס הייסט געלט וואָס איז פֿאַרדינט געוואָרן דורך ניט קיין כּשרע וועגן. און זיי האָבן געהאַלטן פֿאַר וויכטיק דאָס אָפּהיטן די מאָראַלע ווערטן פֿון דער געזעלשאַפֿט.

פֿאַר דער ייִדישער אימיגראַנטן-מאַסע איז דער טעאַטער איפּ"ט געווען זייער וויכטיק ווײַל עס איז געווען אַן אָרט פֿון צוזאַמענטרעפֿונג, באַגעגעניש און לערע, אַ שול פֿאַר דערוואַקסענע (ווי פּרץ האָט געזאָגט). א חוץ דעם האָבן זיך דאָרט פֿרויען אויך באַטייליקט אין דער שאַפֿונג פֿון טעאַטער-פּיעסעס און ווי שוישפּילערינס.

אין 1952 איז די טרופּע פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין "טעאַטער איפֿט". אין אַמאָליקע צײַטן האָט מען אין טעאַטער איפֿט געשפּילט פּיעסעס אויף ייִדיש אונטער דער לייטונג פֿון ייִדישיסטן, ווײַל ייִדיש איז געווען די פֿאָלקסשפּראַך. מיט דער צײַט האָט מען פֿאַר די נײַע דורות געמוזט אַרײַנפֿירן טעאַטער-שטיק אויף שפּאַניש. איפּ"ט איז אַמאָל געווען איינער פֿון די פֿיר ייִדישיסטישע טעאַטערס אויף דער וועלט. עס האָט פֿאַרמאָגט איינע פֿון די דרײַ באַוועגלעכע בינעס אין אַרגענטינע. עס געפֿינט זיך אויף דער גאַס בולאָן סור מער 549.

"עס געפֿינט זיך אויף דער גאַס..."

עמיליאַ רעגייראַ און יאַראַ סטייזעל
7טער גראַד
אינסטיטוט סאַרמיענטאָ
שטאָט בוענאָס-איירעס



דאָס קייטעלע



אין אַ זומער-אָוונט ,אין טוקומאַן, האָט זיך צו אַ מאַן וואָס האָט געהאַלטן אין פֿאַרמאַכן זײַן געוועלב דערנענטערט אַ יונגערמאַן.

דאָס ייִנגל האָט אָנגעהויבן זיך אויסצולאַכן פֿון אַ קייטעלע וואָס האָט געהאָנגען אויפֿן האַלדז פֿונעם סוחר.

דער סוחר האָט אים דערקלערט אַז דאָס וואָס הענגט אויפֿן קייטעלע הייסט ״מרימס האַנט״ און אַז ער ניצט עס ווי אַ שוץ.

ווען דער יונג האָט פֿאַרשטאַנען אַז דאָס איז אַ ייִד, האָט ער ערשט אָנגעהויבן זיך אויסצולאַכן פֿון אים. דער סוחר האָט אים אַרײַנגערופֿן צו זיך אין קלייט, אים אויפֿגענומען מיט אַ קאַווע, און אים דערציילט די געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק און ווי אַזוי ער איז אָנגעקומען קײַן טוקומאַן.

ענדלעך האָט דאָס ייִנגל פֿאַרשטאַנען אַז ער האָט שלעכט געהאַנדלט. ער האָט זיך אויסגעלערנט ניט אָפּצולאַכן פֿון קיינעם. און זינט דעמאָלט איז שוין גאָר ניט געווען ווי פֿריִער, ווײַל איצט האָט ער געהאַט געפֿונען אַ נײַעם פֿרײַנד.

״אין אַ זומער-אָוונט...״

דעלפֿינאַ אַברהם, עוואַ כימענעז, שיילין מאַרוף, סאָפֿיִאַ מעדינאַ, דאַיאַנאַ פּונטאַנאָ.
6טער גראַד
שול ״9טער יולי״
סאַן מיגעל דע טוקומאַן, טוקומאַן

ייִדעלסאָן (קרעמער), וויליאַם מאַיער (פֿאַרקויפֿט תּבואה), משה קאָסוי (באַזאַר און שפּײַזקראָם), גרעגאָריאָ מירסאָן (בעקערײַ), לוּיִס מירסאָן (שפּײַזקראָם), ריכטער (קראָם), אירביטש (באַראַק), יִצחק גערביצקי,פּאַלמער, אליהו ניכאַנסקי (פּעדלער), פֿראַדקין (בעקער), גראַלניק (בעקער), אַבעקאַסיס (קראָם),פֿראַנציסקאָ גאָלדענבערג (קראָמען), בערנאַרדאָ נודעלמאַן, שמואל ישׂראלסאָן, דאָקטער ראָטמאַן (מעדיצין דאָקטער) אַהרון מענדעלסאָן. (ציטירט אין בוך פֿון טשאָר, 2003.)

אין 1952 איז געגרינדעט געוואָרן די קאָאָפּעראַטיווע ״לאַ גאַנאַדעראַ״ און אין 1956 האָבן זיי געקויפֿט דעם בנין בײַ דער ייִדישער געזעלשאַפֿט, ווו זיי האָבן זייער סאָציאַלן צענטער, אויף בעלגראַנאָ 229. האָבן מיר ווײַטער גענומען פֿאָרשן, און נאָך אַ באַגעגעניש מיטן קולטור-סעקרעטאַר איז אונדז געלונגען אָפּצוזוכן די אייגנטום-דאָקומענטן פֿון דער שיל, הײַנט וועטערינאַריע. אויף דער זעלבער גאַס האָבן געוווינט בערל זילבערמאַן און משה קאָסוי. די דאָקומענטאַציע האָט פּעסטגעשטעלט אַז די שיל און דער באָדן האָבן געהערט צו דער געזעלשאַפֿט ״אַגודת ד״ר הערצל״ נר. 7124 , פּאַראַנאַ, אויגוסט 1957.

דאָס באַשטעטיקט אויך די מינדלעכע דערציילונגען.

שלוסוואָרט:

מיר פֿאַרענדיקן דעם איבערבליק דורך דער געשיכטע פֿון ראַמירעז. נײַע ספֿקות וואָס פֿירן אונדז ווײַטער צו פֿאָרשן. די דערציילונגען פֿון דער מינדלעכער געשיכטע טיילן-מיט זכרונות וואָס קומען פֿון אַ בנין וואָס האָט זיכער איבערגעלעבט פֿריילעכע מאָמענטן און אויך טרויעריקע, באַגעגענישן און צעשיידונגען: די שיל. עס איז זיכער ניט געווען לײַכט פֿאַר די וועלכע האָבן פֿאַרלאָזט די היים. אפֿשר האָבן זיי זיך באַזעצט אין ערטער ווו זיי האָבן געקענט וואַקסן און פּראָגרעסירן. ווו זאָלן זיי זײַן? מיר מוזן אויפֿזוכן די שפּורן פֿון אונדזער פֿאַרגאַנגענהײַט. ווי אַ גרופּע, טראַכטן מיר פֿאָרצוזעצן מיט אונדזער פֿאָרשאַרבעט און איבערגעבן דער געזעלשאַפֿט די געשיכטע, ווײַל זיי זענען געווען אַ טייל פֿון אונדזערע גאַסן, פֿון אונדזערע הײַזער , פֿון אונדזער פֿאַרגאַנגענהייט און פֿון אונדזער קעגנוואַרט.

ביבליאָגראַפֿיע

טשאָר,ק.אַ.(2003) לאַנדשאַפֿטן פֿון אַמאָליקע צײַטן. פֿון מײַן שטאָט און אירע מענטשן. אויסגאַבעס פֿונעם ״קלע״

זשיאַנעלאָ י. (1951) געשיכטע פֿון ענטרע-ריאָס (1910-1952), פּאַראַנאַ, אַרגענטינע, דרוקערײַ פֿון דער פּראָווינץ.

אומבאַקאַנטער מחבר און יאָר פֿון אויסגאַבע: אַ קליינע געשיכטע פֿון אַ פֿאָלק וואָס האָט אַרומגעוואַנדערט איבער דער וועלט זוכנדיק אַ בעסערן גורל. גענעראַל ראַמירעז, אַרגענטינע. דרוקערײַ 24סטער מאַי





מיר האָבן זיך אָנגעפֿרעגט און דאָס איז ניט געווען אין דער געגנט פֿון ייִדישער קאָלאָניזאַציע נאָר פֿון דײַטשן פֿון וואָלגאַ, וועלכע אָרגאַניזירן אַן עוואַנגעלישע קירכע אין 1894. און עס טרעטן-צו אַנדערע קריסטלעכע גרופּעס.

מיר האָבן אָנגעהויבן באַזוכן בנינים אַרום דער שיל, אויפֿגעשטעלטע אין אָנהייב 20סטן י״ה וואָס זײַנען געווען ווי הײַזער און געשעפֿטן פֿון ייִדן. דעמאָלט האָבן זיך באַוויזן פֿאַרדעקטע שפּורן פֿון מיט אַ 60-70 יאָר צוריק.

מיט דער הילף פֿון פּראָווינץ-אַרכיוו און פֿון דעם אַרכיוו פֿון מוזעום אין דאָמינגעז, האָבן מיר פֿאַרשטאַנען אַז מע מיינט אַז זיי האָבן געשטאַמט פֿון אַן אַנדערער גרופּע אינמיגראַנטן, אָבער זיי האָבן געוואָלט ענדערן די באַדינגונגען. זייער אָנקום איז ניט פֿאַררעגיסטרירט.

זייער באַרײַכערנדיק איז געווען דער בײַטראָג פֿון ה׳ איקס (נישט אָנגעגעבן זײַן נאָמען) אין איינעם פֿון אונדזערע אינטערוויוען. ער האָט דערקלערט אַז ווען די קאָאָפּעראַטיווע האָט געקויפֿט דעם בנין, איז דאָס געווען אַ שיל. און ער דערמאָנט אַז אין דעם קרײַז וואָס מע זעט אין פֿראָנט האָט זיך געפֿונען אַ מגן-דוד. ער האָט אויך דערציילט אַז דער גרויסער לאָמפּ וואָס איז אין שיל געהאָנגען, איז פֿאַרקויפֿט געוואָרן דער עוואַנגעלישער קירכע ״ריִאָ דע לאַ פּלאַטאַ״ וואָס געפֿינט זיך אין שטאָט.

אין איין בוך וואָס דערציילט מעשׂיות און געשיכטעס פֿון גענעראַל ראַמירעז, דערמאָנט דער מחבר פֿאַמיליע-נעמען פֿון אימיגראַנטן אָנגעקומענע פֿון פֿאַרשידענע לענדער פֿון אַזיע און אייראָפּע. צווישן זיי געפֿינען מיר די ווײַטערדיקע, צוזאַמען מיט דער באַשעפֿטיקונג:

אַדאָלפֿאָ רעכמאַן (אײַזנוואַרג), אַברהם ראָטמאַן (אַלגעמיינע פּראָדוקטן), יעקב בלופֿטען, שמואל מאַריניאַנסקי, חיִים כײַמאָוויטש, באַלאָטנער (ווײַס-בלויע שטוב, באַראַק), דוד ראָטמאַן (באַזאַר און קראָם), בער זילבערמאַן (אײַזנוואַרג), ראָזענסווײַ (קראָם), חנן דובנער (זײַנע אָפּשטאַמערס וווינען אין שטאָט אָבער זיי זענען קריסטן ווײַל זײַן צווייטע פֿרוי איז געווען אַ קאַטוילישע), משה כּ״ץ (קרעמער), סאַלוואַדאָר נוסימאָוויטש,

זיי זענען אַוועק?

רעזומען

פֿון דער שיל, אין וועלכער ס'פֿלעגן קומען אַרום 30 ייִדישע משפּחות וואָס האָבן געוווינט אין גענעראַל ראַמירעז ביז דער העלפֿט 20סטן י״ה, בלײַבט הײַנט בלויז די אויסערלעכע סטרוקטור. די צײַט האָט זי פֿאַרוואַנדלט אין אַ וועטערינאַר-אַנשטאַלט. די שפּורן פֿון דער ייִדישער געשיכטע און קולטור זענען פֿאַרשוווּנדן אָדער מע האָט זיי אומזעיִק געמאַכט.

בלויז די געשיכטעס וואָס זענען אַריבער פֿון עלטערן צו זייערע קינדער האָבן אויפֿגעהאַלטן דעם זכּרון פֿון יענעם אָרט. דער צענטער פֿון דער שטאָט, ווו דער בנין געפֿינט זיך, האָט פֿאַרמאָגט הײַזער און געשעפֿטן באַוווינט פֿון ייִדישע משפּחות וואָס האָבן באַזאָרגט מיט פּראָדוקטן די אײַנוווינערס פֿון שטאָט און אומגעגנטן.

אָבער פֿון זיי איז גאָר ניט פֿאַרבליבן, ניט שריפֿטלעך, ניט פֿאַררעגיסטרירט און אויך ניט אין דאָקומענטן. בלויז אַ לײַכטער אָנדענק וואָס האָט אונדז דערמעגלעכט אָנצוהייבן די דאָזיקע פֿאָרשונג. מיר האַלטן פֿאַר וויכטיק אָפּירצוזוכן אַלץ וואָס איז אַ טייל פֿון אונדזער פֿאַרגאַנגענהייט, צו פֿאַרשטאַרקן אונדזער קעגנוואַרט, דאָס הייסט אויפֿבויען אונדזער געשיכטע מיט דעם וואָס מיר האָבן געירשנט פֿון אונדזערע אורעלטערן, און עס דערמעגלעכט אונדז צו אידענטיפֿיצירן זיך ווי ״ראַמירענזער״, אין אַ פּראָווינציעלער געאָגראַפֿיע וואָס איז באַצייכנט דורך דער אָנוועזנהײַט פֿון ייִדישער באַפֿעלקערונג, צו קענען פֿאַרשטיין בעסער די הײַנטיקע אַרגענטינער אידענטיטעט. אָבער ס'איז אָנגעקומען שווער צו געפֿינען אינפֿאָרמאַציע וועגן די משפּחות וואָס האָבן אַמאָל געוווינט אין דער געגנט.

אַרײַנפֿיר

מיר זענען זיך אַדורכגעגאַנגען דורך די גאַסן פֿון צענטער פֿון גענעראַל ראַמירעז (פּראָווינץ ענטרע-ריִאָס) און אָנגעקומען אויפֿן פּלאַץ ווו עלטערן פֿלעגן דערציילן פֿון דור צו דור אַז דאָרט איז געווען אַ שיל. מיר האָבן זיך אַדורכגעשמועסט און באַשלאָסן אָנהייבן די פֿאָרשונג. מיר האָבן זיך אָנגעפֿרעגט, אָבער קיינער האָט ניט געהאַט קיין פֿאָטאָגראַפֿיעס, און מיר האָבן אויך ניט געפֿונען קיין ייִדישע משפּחות אין דער שטאָט.

דער בנין האַלט-אָן זײַן פֿיזישע סטרוקטור, אַ חוץ דער טיר און פֿענצטער בײַם אַרײַנגאַנג, וואָס זענען מאָדערניזירט געוואָרן, און אַ זײַטיקער טויער. אינערלעך איז ער מאָדערניזירט געוואָרן אין די 90קער יאָרן. הײַנט געהערט עס צו דער קאָאָפּעראַטיוו ״לאַ גאַנאַדעראַ״ (פֿי-קאָאָפּעראַטיווע) און עס פֿונקציאָנירט דאָרט אַ וועטערינאַר-אַנשטאַלט.

מיר האָבן אָנגעהויבן פֿרעגן בײַ די שטאָטלעכע אינסטיטוציעס ווי די מוניציפּאַליטעט, ביבליאָטעק, קאָאָפּעראַטיוועס פֿון דער געגנט, זוכנדיק רעגיסטראַציעס פֿון דעם בנין, און אַזוי האָבן מיר זיך געשטעלט אין פֿאַרבינדונג מיט מענטשן וואָס האָבן געדענקט געשיכטע פֿון דער שטאָט.

די פֿאָרשונג קומט-אָן שווער ווײַל די שטאָט האָט בכלל ניט קיין שריפֿטלעכע געשיכטע. אָבער אייניקע אײַנוווינערס האָבן פֿאַררעגיסטרירט זייערע אייגענע זכרונות און געשיכטעס פֿון זייערע משפּחות. זיי העלפֿן אונדז אַרויס אַפֿילו מיט אומפֿולשטענדיקע דערציילונגען.

מיר, יוגנטלעכע, זוכן עפּעס וואָס איז אומזעיִק. פֿאַר וואָס זענען דרײַסיק משפּחות נעלם געוואָרן פֿון אונדזער סביבה?

אַנטוויקלונג

אין אָנהייב האָבן מיר ניט געמיינט אַז עס וועט אונדז אָנקומען אַזוי שווער צו געפֿינען היסטאָרישע מקורות פֿון אַ שטאָט וואָס איז אין גאַנצן אַלט 140 יאָר.

די שטאָט געפֿינט זיך אין דער גובערניע דיאַמאַנטע, 60 קמ. פֿון פּאַראַנאַ, ענטרע-ריִאָס. זי ווערט געגרינדעט אויף דער באַזע פֿון אַן אײַנפֿאָר-הויז פֿון אַמאָליקע צײַטן. אַרום 1867 וווינען שוין דאָרט אַ פּאָר משפּחות.

״די דערציילונגען פֿון מינדלעכער געשיכטע טיילן-מיט זכרונות וואָס קומען פֿון אַ בנין וואָס האָט זיכער איבערגעלעבט פֿריילעכע מאָמענטן און...

טיאַגאָ דאַגנינאָ, מאָראַ פֿוקס, אַגוסטינאַ סאַנטוטשאָ, אַלעכאַנדראַ שינדלער
5טע יאָר
שול ״יעזוס פֿון נצרת״
גענעראַל ראַמירעז, ענטרע-ריִאָס

איר האָט געלעבט דאָס גאַנצע לעבן אין פֿעלד?

ניין, מיר זענען געקומען אין שטאָט, אָבער מײַן טאַטע האָט געאַרבעט ווײַטער אין פֿעלד, און שפּעטער איז אים געלונגען צו קויפֿן אַ צווייטן. אָבער ער האָט געהאַט אַ צווייטע אַרבעט: ער האָט פֿאַרקויפֿט קעז. ער האָט פֿאַרטיילט איבער דער גאַנצער געגנט פֿון אַבראַמאָ און סאַן מאַרטין.

שפּעטער איז געבוירן געוואָרן מײַן ברודער. ער איז שוין געבוירן געוואָרן אין שטאָט, וווּ עס וווינען פּאַליעלאַ און פֿרוי סאַנטשעס. דערנאָך איז ער אַוועק. מיר זענען געבליבן, מײַן מאַמע און איך. זי האָט געלעבט לאַנגע יאָרן. ס'איז באמת די געשיכטע פֿון אַ פֿאַמיליע.

און איצט פֿילט איר זיך אַ טייל פֿון בערנאַסקאָני? איר פֿילט זיך אַ טייל פֿון דער געזעלשאַפֿט?
יאָ! אַבסאָלוט! נאָך עפּעס וועל איך דיר זאָגן: איך בין אַלט 74 יאָר, ס'איז 74 יאָר בערנאַסקאָני. פֿאַר מיר איז דאָס זעלבע וועלכער פֿאַמיליע-נאָמען עס זאָל ניט זײַן: פֿאַר מיר זענען אַלע גלײַך. איך רעספּעקטיר אַלעמען ווײַל איך בין שטאַרק רעספּעקטפֿול געוואָרן. דאָס מוז איך שטענדיק אָנערקענען. איך האָב נאָך חברטעס פֿון דער שול וואָס זענען אַפֿילו נישט קיין ייִדישע און מיר זענען באַפֿרײַנדעט ביז הײַנט.
איך האָב זיך אויך געלערנט אין מיטלשול. די ערשטע דרײַ יאָר אין מוניציפּאַליטעט ווײַל עס איז נאָך ניט געווען קיין בנין. ווען מען האָט אויפֿגעבויט דעם בנין בין איך שוין געווען אין סאַן מאַרטין, ביזן 4טן קלאַס, 17 יאָר אַלט. און דאָס איז געווען זייער אַ סך, אין יענע צײַטן, פֿאַר אַ מיידל. צו 18 יאָר בין איך געוואָרן אַ כּלה, געקריגן אַרבעט, אויפֿגעהערט זיך צו לערנען און געגאַנגען אַרבעטן אין ה' שערס אַ געשעפֿט, וווּ עס וווינט איצט ה' וויזשאַר. דאָס איז אַ קראָם, און שטענדיק האָב איך זיך אָפּגעגעבן מיט מסחר.



עס זענען דאָ געשיכטעס. קאָלאָניע נאַרסיס לעווען

מע וואָלט געקענט זאָגן אַז אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן אין 1908 ווען די יק״א (ייִדישע קאָלאָניזאַציע אַסאָסיאַציע) האָט געקויפֿט 46.466 העקטאַר באָדן, די סעקציעס 19, 20 און 22, און אַ טייל פֿון נומער 11 און 12, און אָפּטיילונג ב׳ חלק 4 דרום-בערנאַסקאָני, מיטן ציל צו באַפֿעלקערן די געגנט. אַזוי אַרום איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן מיט אַ יאָר שפּעטער די קאָלאָניע נאַרסיס לעווען. די אימיגראַנטן וואָס זענען אַהער אָנגעקומען זיך צו באַזעצן אין דער קאָלאָניע האָבן געשטאַמט פֿון פֿאַרשידענע ערטער, ווי גראָדנע (פּוילן), מינסק (אין דער אַמאָליקער ליטע), וואָלין (אין אוקראַיִנע), אָדער בערדיטשעוו (רוסלאַנד). כאָטש ניט קיין סך פֿון זיי זענען געווען ערד-אַרבעטערס איז דאָס אַן אַגריקולטור-קאָלאָניע.

לויט מײַן מיינונג זענען דאָ געשיכטעס, פֿראַגמענטן און טיילן פֿון זיי וואָס מיר אַלע קענען. זיי זענען צו דער האַנט: יעדער איינער קען זיי זען, הערן און לערנען. אָבער עס איז דאָ אַן אַנדער מין געשיכטע, אַ טייל פֿון וועלכער עס איז בלויז פֿאַר וועמען ער זוכט עס אויס, און דאָס איז פֿאַר מיר די שענסטע. ס׳איז לײַכט צו פֿאַרגעסן דעם נאָמען פֿון שטעט און זייער געשיכטע. אָבער ס׳איז עפּעס דאָ אין שטעטל וואָס מע קען ניט דערקלערן אָבער עס דערוועקט דײַן אינטערעס. מעגלעך אַז דאָס איז ניט סתם אַ געשיכטע פֿון עמעצן נאָר עס האַנדלט זיך וועגן אַ פּערזאָן וואָס איז אַ פֿעטער, אַ זיידע אָדער אַ טאַטע פֿון אַ באַקאַנטן. פֿאַרענדיק איך דעם אַרײַנפֿיר און איך דערצייל אײַך אַ לעבנס געשיכטע פֿון אַן אײַנוווינערין פֿון דער שטאָט, אַנאַ גורבאַנאָוו. כ׳האָב זי געלאָזט רעדן. בלויז אַ מאָל געשטעלט אַ פּאָר פֿראַגעס וואָס כ׳האָב געהאַלטן פֿאַר נייטיק.

״ווען מײַן זיידע איז אָנגעקומען איז ער געקומען אַליין, פֿון רוסלאַנד אין דער אָפּטיילונג 11, נאָענט צו אַבראַמאָ. ער האָט זיך דאָ באַקענט מיט מײַן באָבען, וואָס איז געווען פֿון וויזשאַ אַלבאַ, ווי ס׳האָט אַ מאָל געהייסן. הײַנט איז דאָס גענעראַל סאַן מאַרטין.איר פֿאַמיליע-נאָמען איז געווען מאַרגין. זיי האָבן חתונה געהאַט און געבוירן 5 קינדער. צום באַדויערן איז איין זון געשטאָרבן און ער איז באַערדיקט אין בית־עולם אין בערנאַסקאָני.

די אַנדערע פֿיר זענען געווען צוויי ייִנגלעך און צוויי מיידלעך. אַלע האָבן חתונה געהאַט און געמיינט אַז זיי וועלן קענען אַרבעטן ווײַטער אין מײַן זיידנס פֿעלד פֿון דער יק״א. אָבער עס איז ניט געווען אַזוי: די טריקעניש איז געווען געפֿערלעך און עס איז ניט געווען גענוג צו פֿאַרזאָרגן אַלעמען. צוויי קינדער זענען אַוועק קײַן בוענאָס-אײַרעס מיט זייערע משפּחות, און די אַנדערע טאָכטער, אויך אַ פֿאַרהייראַטע, קײַן ריווערא. דאָ זענען געבליבן מײַן זיידע און מײַן טאַטע.

עס זענען אַריבער אַ פּאָר יאָר, מײַן טאַטע האָט חתונה געהאַט און איך בין געבוירן געוואָרן. איך בין אַלט געווען 3 מאָנאַטן ווען מיר זענען אַריבער וווינען אין דער קאָלאָניע ״לאַ פּרימאַוועראַ״(דער פֿרילינג) אין אונדזער אייגן פֿעלד. דאָרט האָבן מיר געוווינט ביז איך בין אַלט געוואָרן 7 יאָר, מיט מײַנע עלטערן און מײַן זיידן, ווײַל ווען ער איז פֿאַרבליבן אַן אַלמן האָט ער געלעבט בײַ די קינדער. אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט מײַן מאַמע פֿאַרשוואַנגערט מיט מײַן שוועסטער גלאַדיס, און מיר זענען געקומען וווינען אין שטאָט, אויפֿן ראָג ווו עס געפֿינט זיך איצט דאָס ווײַנגעשעפֿט.

איך האָב שוין אָנגעהויבן די שול דאָ. אַ יאָר האָב איך זיך געהאַט געלערנט אין דער קאָלאָניע. הײַנט עקזיסטירט שוין ניט די שול און די געבײַדע אויך ניט. עס איז אַ פֿעלד.

איך האָב געוואָלט וויסן וואָס פֿאַר אַן אונטערשייד איז געווען צווישן ביידע שולן, אָבער זי האָט קיין סך ניט געדענקט.

וועגן דעם געדענקט איר עפּעס?

ניט קיין סך. איך קען נאָר זאָגן אַז עס איז דאָרט געווען פֿרוי פֿאַליעלאַ, וויקטאָריאַ. זיי, די עלטערן, האָבן געוווינט אין שול און איך בין געגאַנגען אין שול, כ׳האָב געהאַט אַ לערערין פֿרוי טובער און צוויי פֿון אירע טעכטער האָבן זיך אויך דאָרט געלערנט. דערנאָך זענען זיי אַוועק וווינען אין סאַנטאַ-ראָסאַ, ווען זי איז אַרויס אויף פּענסיע.

״איך בין אַלט 74 יאָר. עס זענען 74 יאָר בערנאַסקאָני. פֿאַר מיר איז דאָס זעלבע וועלכער פֿאַמיליע-נאָמען עס זאָל ניט זײַן: פֿאַר מיר זענען אַלע גלײַך״

ראָסיִאָ מערטיאַן
6טע יאָר
אינסטיטוט מאַריאַנאָ מאָרענאָ
בערנאַסקאָני, לאַ פּאַמפּאַ



געאַרבעט ה׳ כאָסע בערגאַראַ און פּעדראָ ר. גאַמבעטטאַ, זײַן פֿאָטער: אײנער אין ״לאַ סענטראַל״ און דער צווייטער אין ״הוערגאָ״.

ווען ה׳ גיטעלמאַן האָט פֿאַרלאָזט די אַדמיניסטראַציע האָט די קאָאָפּעראַטיווע אָנגעהויבן צו זינקען. בערגאַראַ האָט פֿאַרלאָזט דאָס אָרט און געעפֿנט זײַן אייגענע פֿאַבריק אין ראַלאָן. זי הייסט ״דאָן פּעליפּע״ און זי איז דערנאָך אַריבער קײַן מאַקאַטשין. זי איז די עלטסטע אין לאַ-פּאַמפּאַ.

אַ פּאָר יאָר שפּעטער (אַרום 1958) האָט גאַמבעטטאַ געטון דאָס זעלביקע: ער האָט געקויפֿט אַ פֿאַבריק וואָס מען האָט געשלאָסן, צען קילאָמעטער פֿון גענעראַל קאַמפּאָס, וואָס ווערט פֿאַרוואַנדלט אין די הײַנטיקע פֿאַבריקן ״על קאַלדען״ און ״לאַקטעאָס גאַמבעטטאַ״. נתן מערלינסקי איז געווען איינער פֿון די ערשטע מילך-סוחרים, זײַן ליוועראַנט. כאָטש די פֿירמע האָט געביטן איר נאָמען, איז דער בנין נאָך אַקטיוו און זי איז די עלטסטע אַקטיווע קעז-פֿאַבריק פֿון דער פּראָווינץ לאַ-פּאַמפּאַ. די אָרגאַניזאַציעס פֿון קליינעם פֿאַרנעם זענען נאָכגעמאַכט נאָכן מאָדעל פֿון ריוועראַ.

אַ דאַנק דער אינפֿאָרמאַציע פֿון אונדזער עדות קענען מיר פֿעסטשטעלן אַז דער ייִדישער קאָאָפּעראַטיוויזם האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף דער אָרגאַניזאַציע פֿון אונדזערע הײַנטיקע מילך-אַנשטאַלטן און דער מילך-אינדוסטריע אין אונדזער טעריטאָריע, ווײַל די סיסטעם האַלט זיך נאָך אויף ביז הײַנט צו טאָג.

דאָס איז איינער פֿון די גרויסע בײַטראָגן פֿון דער אינמיגראַציע אין אונדזער לאַנד.

דער ייִדישער קאָאָפּעראַטיוויזם אין גענעראַל קאַמפּאָס

"כאָטש די פֿירמע האָט געביטן איר נאָמען, איז דער בנין נאָך אַקטיוו און זי איז די עלטסטע אַקטיווע קעזפֿאַבריק פֿון דער פּראָווינץ"

וואַלענטינאַ קאָנסיגליאָ און אָריאַנאַ מערקעל
5טע יאָר
מילשול "די שיף גענעראַל בעלגראַנאָ"
גענעראַל קאַמפּאָס, לאַ פּאַמפּאַ

מיר וווינען אין גענעראַל קאַמפּאָס, אַ געמיינדע פֿון אַרום 1700 אײַנוווינערס, וואָס געפֿינט זיך צפֿון-מזרח פֿון דער געגנט גוואַטראַטשע, פּראָווינץ לאַ-פּאַמפּאַ. מיר, די "קאַמפּענסער", אָפּשטאַמיקע פֿון קאַמפּאָס, פֿילן זיך שטאָלץ מיט אונדזער אַרבעטס-קולטור, ווײַל מיר האָבן כּמעט שטענדיק פֿולע באַשעפֿטיקונג אין שטאָט.

די מערהייט איז באַשעפֿטיקט אין דעם פּריוואַטן סעקטאָר, ווײַל עס עקזיסטירן אַ סך "פּימעס" (קליינע אונטערנעמונגען) אין פֿאַרבינדונג מיט דער מילך-אינדוסטריע (פֿאַבריקן פֿון קעז און קאַראַמעל/דולסע דע לעטשע, פֿון שפּײַז פֿאַר בהמות, וווּרשט-פֿאַבריקן, און צעשיקערס וואָס פֿירן אונדזערע פּראָדוקטן איבער דער גאַנצער פּאַטאַגאָניאַ, (דער דרום-טייל פֿון אַרגענטינע). די אונטערנעמונגען באַקומען זייער רוישטאָף (מילך און פֿלייש) אין דער דאָרפֿישער שכנות, ווו עס געפֿינען זיך אָן אַ צאָל קלענערע און גרעסערע מילך-מעלקערײַען וואָס זייערע אייגנטימערס זענען אָפּשטאַמיק פֿון די קאָלאָניסטן וואָס זענען אָנגעקומען, די מערהײַט, אין דער ערטער העלפֿט פֿון 20סטן י"ה פֿון פֿאַרשיידענע אייראָפּעיִשע לענדער.

די אילוסטראַציע וואָס מיר האָבן אויסגעקליבן איז אַ מאַפּע פֿון דער געגנט גוואַטראַטשע, וואָס האָט אונדז געליִען ד"ר אַדאָלפֿאָ הערזעל, וועטערינאַר פֿון דער געגנט. די מאַפּע האָט אַ ראַם און מיר קענען ניט פֿעסטשטעלן פֿון וועלכן יאָר די מאַפּע איז, אָבער עס מוז זײַן פֿון די 90קער יאָרן ווײַל עס געפֿינט זיך שוין די מענאָניטישע קאָלאָניע וואָס שטאַמט פֿון אָט דער צײַט. דער פֿראַגמענט פֿון דער מאַפּע ווײַזט-אָן דעם צפֿון-מזרח פֿון גענעראַל קאַמפּאָס. און איינער פֿון די אײַנוווינערס האָט עס פֿאַר אונדז באַשריבן. ער הייסט קאַרלאָס א. גאַמבעטטאַ, דער אייגנטימער פֿון דעם קעז-געשעפֿט וואָס טראָגט זײַן נאָמען.

עדות פֿון הער קאַרלאָס גאַמבעטטאַ

לויט ה' גאַמבעטטאַ דערציילט אונדז, איז די טעריטאָריע באַזעצט געוואָרן פֿון פֿיר פֿאַרשידענע קאָלאָניזאַציעס, אָפּגעטיילט צווישן זיך דורך צווי וועגן וואָס קרײַצן זיך פּונקט בײַ זײַן געשעפֿט! די פֿיר קאָלאָניזאַציעס זענען גענעראַל קאַמפּאָס (דרום-מערב), לאַ-פֿלאָרידאַ (דרום-מזרח), מאַרי-מאַמועל (צפֿון- מזרח), און קאָלאָניע באַראָן הירש, שפּעטער גערופֿן קאָלאָניע סאַן-כואַן (צפֿון-מזרח). אין די צוויי לעצטע האָבן געוווינט אַ סך ייִדן.

אין מאַרי מאַמועל דערמאָנט ער די משפּחות סאַנשאָנויסקי, מערלינסקי, ראַטושני א"א. ער זאָגט אַז די 908 העקטאַר פֿון כ. אַלוואַרעז האָבן אַ מאָל געהערט צו אַ ייִדישער משפּחה, זײַנע עלטערנס פֿרײַנד, וועלכער פֿאַמיליע נאָמען איז געווען גאָרער, און זענען אַריבער קײַן בוענאָס-אײַרעס.

די קאָלאָניע סאַן-כואַן איז קאָלאָניזירט געוואָרן דורך דער קאָאָפּעראַטיווע באַראָן הירש, שפּעטער גערופֿן ריווערא. אָבער הײַנט עקזיסטירט זי שוין ניט. אין דער קאָלאָניע האָבן אַ מאָל געלעבט, צווישן אַנדערע, די משפּחות מערלינסקי, וואָדאָוואָסאָף, רעזניק, ראַטושני, מילנער און זעלצער.

ה' גאַמבעטטאַ דערציילט אַז די קאָאָפּעראַטיווע באַראָן הירש פֿלעגט הייסן די קאָלאָניסטן אויפֿבויען די הײַזער בײַם ראָג ווו עס קרײַצן זיך די גאַסן כּדי יעדע צוויי משפּחות זאָלן זיך קענען טיילן מיט איין אַקער-אײַזן, און יעדע פֿיר משפּחות מיט איין זיימאַשין. און אויך אַ בשותּפֿותדיקער באָדן צו פּאַשען פֿי. די קינדער פֿון די משפּחות האָבן זיך געלערנט אין שולן פֿון "לאַ קלאַראַ" און "לאַ מאַטעריאַל". און רעליגיעז לעבן און קבורה איז געווען אין ריווערא.

ער דערציילט אַז דער וויכטיקסטער ישובֿ איז געווען אין ריווערא, ווו ס'האָט עקזיסטירט אַ קעז-געשעפֿט גערופֿן מילך-קאָאָפּעראַטיווע באַראָן הירש (אייגנטום פֿון ייִדישע פֿאַמיליעס) וואָס האָט געהאַט פֿינף אָפּצווײַגן, אַלע פֿון ייִדישע קאָלאָניסטן. זיי זענען געווען: "לאַ סענטראַל"(אין ריווערא), "הוערגאָ", "טרעס לאַגונאַס" און "קאָלאָניע לאַפּין" אין דער פּראָווינץ בוענאָס-אײַרעס, און די פֿינפֿטע, "לאַ מאַטעריאַל" האָט זיך געפֿונען אין פּראָווינץ "לאַ-פּאַמפּאַ", צווישן ראָלאָן און גענעראַל קאַמפּאָס.

אין די 50קער יאָרן איז די קאָאָפּעראַטיווע באַראָן הירש געווען אַדמיניסטרירט דורך נחום גיטעלמאַן. דאָרט האָבן

דער צײַט פֿון חורבן! פֿאַר וואָס פֿרעגסטו? –זאָגט סאָניע.

- ער איז מײַן טאַטע!!!! – שרײַט אויס שמאי און צעוויינט זיך.

- וואָס הייסט אַז ער איז דײַן טאַטע?? דער מענטש איז געשטאָרבן מיט יאָרן צוריק! אוממעגלעך אַז דאָס זאָל ער זײַן!! מעגלעך אַז ער זאָל זײַן ענלעך צו אים.

דאָס קינד האָט אָבער ווײַטער געטענהט אַז דאָס איז זײַן טאַטע. זײַן אַנגסט און זײַן געוויין זענען געוואַקסן. קאַרמען באַרויִקט אים.

ווען זיי גייען אַהיים, לויפֿט ער צו זײַן רוקנזאַק און נעמט אַרויס דאָס זייגערל וואָס זײַן פֿאָטער האָט אים געהאַט געשאָנקען. ער האַלט עס בײַ זײַן ברוסט . זי האַלדזט אים ביז ער ווערט אַנשלאָפֿן. זי באַטראַכט דאָס זייגערל און זי באַמערקט אַז הינטער דעם זייגער זענען אויסגעקריצט אַ פּאָר ווערטער אויף העברעיִש. דאַן באַשילסט קאַרמען זיך אָנצופֿרעגן בײַ איר חברטע, וואָס אַרבעט אין מוזעום און קען העברעיִש.

סאָניע פֿאַרטײַטשט איר וואָס עס שטייט געשריבן: ״אין אַן אויגנבליק קען דער זייגער פֿון אייביקייט דיך אַוועקפֿירן איבערצולעבן דאָס אומגעריכטע״.

צומאָרגנס פֿרעגט קאַרמען, אַ ביסל פֿאַרוווּנדערט, ווו האָט ער עס גענומען, און ער זאָגט אַז ער האָט עס פֿון לאַנג, אַז זײַן פֿאָטער האָט עס אים געגעבן. שעהן-לאַנג חזרט ער איבער אַז דאָס וואָס ער זאָגט וועגן זייגער און פֿאָטאָגראַפֿיע איז ריכטיק. כאָטש דעם, צווייפֿלט זײַן נײַע מאַמע ווײַטער, און זי נעמט עס בײַ אים, נאָכצופֿרעגן ווען קען דאָס זײַן. ווען זי פּרוּווט עס אַרויסרײַסן פֿון זײַנע הענטעלעך גיט זי אַ קוועטש דאָס קנעפּל און ביידע ווערן אַריבערגעפֿירט אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, צום יאָר 1943 אין וועלכן שמאי האָט געהאַט געלעבט.

קאַרמען איז שאָקירט. זי ווייסט ניט ווו זי געפֿינט זיך אָדער וואָס צו זאָגן. אַ מאַן רירט-אָן איר אָרעם און פֿרעגט:

- איר פֿילט זיך גוט?

אַזוי ווי ער רעדט אויף דײַטש, ענטפֿערט זי אויף דער זעלביקער שפּראַך:

- יאָ, אַ דאַנק! אַנטשולדיקט: אין וועלכן יאָר געפֿינען מיר זיך?

דער מאַן טראַכט אַז ס׳איז אַ מאָדנע פֿראַגע, אָבער ער ענטפֿערט: 1943, איר פֿילט זיך גוט?

- יאָ, גאַנץ גוט! אַ גוטן אָוונט!

דערווײַל דערזעט שמאי זײַן פֿאָטער. ער לויפֿט צו אים צו און כאַפּט אים אַרום.

שמאי וואָס טוסטו דאָ? וואָס פֿאַר אַ מין קליידער ניצסטו?

- איך האָב שטאַרק געבענקט נאָך דיר, טאַטע!

- איך אויך מײַן קינד! אָבער דו האָסט מיר נאָך ניט געענטפֿערט אויף מײַן פֿראַגע!

קאַרמען רײַסט זיי איבער און פֿרעגט וואָס טוט ער מיט דעם מענטש און פֿאַר וואָס האַלדזט ער אים. פּלוצלינג כאַפּט זי זיך אַז דאָס איז דער מאַן פֿון דער פֿאָטאָגראַפֿיע אין מוזעום, וואָס שמאי האָט געזאָגט אַז ס׳איז זײַן פֿאָטער. דער מענטש שטוינט און זאָגט אַז ס׳איז זײַן זון.

די סיטואַציע איז זייער געשפּאַנט. אַלע זענען געפּלעפֿט און פֿאַרשטייען ניט וואָס עס געשעט. בלויז דאָס קינד דערמאָנט זיך אין זײַנע איבערלעבונגען זינט ער האָט געעפֿנט די מתּנה, און ער פֿאַרשטייט אַז דאָס זייגערל איז ניט קיין פּשוטע צירונג. ער דערציילט וואָס ס׳האָט מיט אים פּאַסירט, און קאַרמען חזרט-איבער אַז אויב אַזוי וואָלטן אַלע געמוזט אַנטלויפֿן אין יאָר 2021.

שמואל, דער טאַטע, דערציילט איר פּרטימדיק וואָס דאָס ייִדישע פֿאָלק לעבט-איבער אין דעם מאָמענט און אַז ער וועט ניט אַנטלויפֿן ווײַל ער מוז פֿאַר זיי עפּעס טון. ״דיסקרימינאַציע מוז זיך פֿאַרענדיקן אויף דער וועלט. ס׳איז ניט יושרדיק אַז מעטשן זאָלן אַזוי לײַדן ווײַל אַנדערע פֿילן זיך אַ העכערע ראַסע!״- זאָגט ער מיט כּעס און ווייטיק.

קאַרמען און שמאי וואַרטן באַהאַלטן אויסער דער געטאָ. עס ווערט נאַכט. שמואל האָט שוין גערעדט מיט אַלע באַקאַנטע. די מערהייט גלייבט עס ניט און ניטאָ קיין צײַט ווײַל די נאַציס זענען שוין אַרום און אַרום. פֿאַרזאַמלט אין איין אָרט האַלטן זיך אַלע בײַ די הענט און שמאי גיט אַ קוועטש דאָס קנעפּל פֿון זייגער. באַלד ווערן זיי אַלע אַריבערגעפֿירט קײַן 2021 און פֿילן ווי די נאַציס שיסן אויף זיי.

יאָר 2050

די טעכנאָלאָגיע און די וויסנשאַפֿט האָבן זיך ווײַט אַנטוויקלט, אָבער די מענטשהײַט האָט נאָך אַלץ ניט אַקצעפּטירט אַז מיר זײַנען אַלע גלײַך.

שמאי ווייסט אַז זײַן זייגער האָט געהאַט די מאַכט צו בײַטן די צײַט, אָבער ניט צו ענדערן דאָס האַרץ פֿון די מענטשן. הײַנט געפֿינט זיך עס אויסגעשטעלט אין דעם מוזעום ווו סאָניע האָט געאַרבעט, לעבן זײַן טאַטנס פֿאָטאָגראַפֿיע, מיטן ווײַטערדיקן ציטאַט: ״אויב דו וועסט מאָרגן ניט זײַן קיין בעסערער מענטש ווי דו ביסט הײַנט – צו וואָס זשע דאַרפֿסטו דעם מאָרגן ?״ רב׳ נחמן בראַצלאַווער.



דאָס פֿאַרבלאָנדזשעטע קינד

מע טאָר ניט דערלאָזן אַז דאָס זאָל זיך איבערחזרן.
מיר מוזן טאָן ווי ווײַט מעגלעך דאָס אויסצומײַדן.
עס איז שוין דאָס יאָר 2050. די טעכנאָלאָגיע און די
וויסנשאַפֿט האָבן זיך ווײַט אַנטוויקלט, אָבער...

אַגוסטינאַ כערעז, כאָסעפֿינאַ ברעסיגאַר,
מאַיאַ מאָלינאַ, מיליע יאַניגראָ
7טער קלאַס
אַרגענטינער קריסטלעכע וואַנגעלישע שול
שטאָט בוענאָס אײַרעס

יאָר 1943, דײַטשלאַנד

געוועזן שווערע צײַטן פֿאַר די ייִדן. היטלער איז געוועזן דער הויפּט-אָנפֿירער און ער האָט זיי געוואָלט פֿאַרניכטן.

שמאַי איז געווען אַ ייִדיש קינד. ער האָט געהאַט אַ שווער לעבן, געגעסן גאָר אַ מאָל, אָבער ווען ער עסט שוין יאָ, בלײַבט ער שטענדיק הונגעריק. ער פֿאַרמאָגט כּמעט ניט קיין קליידער, און דאָס וואָס ער האָט, איז אַלט אָדער צעריסן. שטענדיק קוקט ער אויף די ״שטרענגע מענטשן״, ווי אייניקע פֿלעגן זיי רופֿן. ער ווױנט מיט זײַן פֿאָטער. ער זעט אים כּמעט קיין מאָל ניט. כאָטש אַזוי, האָט ער אים שטאַרק ליב. זײַן מוטער איז אַרעסטירט געוואָרן אַ פּאָר טעג נאָך זײַן געבורט און ער האָט זי מער קיין מאָל ניט געזען.

הײַנט איז זײַן זיבעטער געבורטטאָג. זײַן טאַטע הייבט זיך אויף ווי שטענדיק צו גיין צו זײַן אַרבעט, אָבער דאָס מאָל, גיט ער דעם קינד, איידער ער גייט אַוועק, אַ מתּנה: אַ קליין ווײַס רונדיק שטיינדל מיט דער אויפֿשריפֿט פֿון זיין נאָמען. דער קליינער שמאַי ווערט איבערגעראַשט און דאָס שטיינדל פֿאַלט-אַראָפּ פֿון זײַנע קליינע הענט. ווען ער בייגט זיך אָן עס אויפֿצוהייבן געפֿינט ער אַ פּושקע אײַנגעוויקלט אין לײַוונט. האָט אים זײַן טאַטע אפֿשר געלאָזט נאָך אַ געשאַנק? פֿרעגט ער זיך...

זײַן פֿאָטער איז שוין נישטאָ. ער האָט זיך געאײַלט צו דער אַרבעט נאָכן ווינטשן אים אַ לאַנג לעבן און אַ קוש אויף שמאַיס שטערן. שמאַי עפֿנט נײַגעריק דאָס עניגמאַטישע פּושקעלע און ער געפֿינט אַ גרוי, אַלט זייגערל, מיט אַ ביסל שטויב. ער הייבט זיך אָן שפּילן ווײַל ער ווייסט ניט ווי עס אַרבעט. דעמאָלט רירט ער אָן, ניט ווילנדיק, אַ קליין קנעפּל וואָס האָט די מאַכט אַלץ איבערצומאַכן: די צײַט און דאָס אָרט.

יאָר 2021, אַרגענטינע

פֿלוצלינג געפֿינט זיך שמאַי אין אַן אָרט וואָס איז אין גאַנצן אַנדערש ווי דער אומעטיקער און פֿינצטערער געטאָ. אַ סך קאָלירן, קינדער וואָס שרײַען, שפּילן זיך און פֿאַרברענגען. די מענטשן אָנגעטאָן אין מאָדנע קליידער. קיינער ניצט ניט די געשטרײַכטע ״פּידזשאַמעס״ אָדער די מונדירן.

ער זעצט זיך אַוועק אויף אַ באַנק און קוקט זיך אַרום. אַ מאָדנע פֿרוי דערנענטערט זיך צו אים :

- היי! מײַן נאָמען איז קאַרמען! וואָס טוסטו דאָ? ווו זענען דײַנע עלטערן?

דאָס קינד קוקט זי אָן פֿאַרוווּנדערט. ער ווייסט ניט וואָס צו ענטפֿערן. פּלוצלינג געפֿינט ער זיך אין אַ פֿרעמד אָרט און ער ווייסט ניט ווי אַזוי עס איז געשען.

די פֿרוי גייט אַוועק אין קאָמיסאַריאַט און מסרט :

- אַ קינד טאָר ניט זײַן אַליין , פֿאַרבלאָנדזשעט אויף דער גאַס און קיינער זאָל אים ניט אַרויסהעלפֿן! – זאָגט זי צו אַ צווייטער פֿרוי אין פּאַרק.

עס איז שפּעט, און דער פּאָליציאַנט זאָגט איר אַז זי זאָל צוריקקומען צומאָרגנס. כאָטש די פֿרוי איז אײַנגעשפּאַרט הערט זי קיינער ניט אויס.

קאַרמען באַשליסט צו אַדאָפּטירן דאָס קינד.

זײַן אַדאָפּטיווע מוטער לערנט זיך אויס אַ דאַנק אים אַ סך מנהגים און ייִדישע רעצעפּטן. ער דערציילט איר די געשיכטע פֿון זײַן משפּחה און זײַנע אור-עלטערן. זי קלערט אַז איר זון האָט אַ ברייטע פֿאַנטאַזיע, אָבער מעגלעך אַז זײַנע עלטערן זײַנען ייִדן און האָבן אים דערציילט אַ סך מעשׂיות.

סאָניאַ, קאַרמענס בעסטע חברטע, איז פֿאַרבעטן געוואָרן צו עסן ״חומוס״, אַ מאַכל געמאַכט פֿון נאַהיט, פּעטרעשקע, לימענע סאָק און באַזיל. פֿאַרוווּנדערט צוליב דעם קליינעם ייִנגלס קענטענישן וועגן דער געשיכטע פֿון זײַן פֿאָלק, האָט סאָניע אים אײַנגעלאַדן אין מוזעום ״דר. סאַלוואַדאָר קיבריק״, ווו זי האָט געאַרבעט.

ווען זיי גייען אַרײַן פֿילט זיך שמאַי גליקלעך און ענטוזיאַסטיש. זיי קוקן-איבער אַלע פֿאָטאָגראַפֿיעס, אָבער איינע רופֿט-אַרויס זײַן אויפֿמערקזאַמקייט, אַ בילד וואָס איז אים זייער קענטיק.

- ווער איז דער מענטש?
- ער הייסט הבל גראָסס.
- וואָס טוט ער דאָ??
- ווײַזט-אויס אַז ער האָט געקעמפֿט קעגן די נאַציס אין



די ייִדישע פֿרוי

אַן אָרט ווו די פֿרויען האָבן געקענט פֿילן זייער אייגענעם כּוח, פֿאַראייניקן זייערע קולטורן און גלײַכצײַטיק זיך פֿולשטענדיק אײַנגלידערן אין אַרגענטינע: די לייענקרײַזן, געשאַפֿן דורך און פֿאַר די פֿרויען פֿונעם איקוף.

אין די גרופּעס, אין וועלכע ניט אַלע האָבן געקענט לייענען און שרײַבן, האָבן די וועלכע האָבן יאָ געקענט, פֿאָרגעלייענט ביכער פֿאַר די אַנדערע, און אַזוי אַרום האָבן זיי געשאַפֿן אַ קאָלעקטיווע לעקטור און אַ קאָלעקטיווע לערע.

אין די פֿערציקער יאָרן האָט מען אָנגעהויבן באַקאַנט צו מאַכן די ייִדיש-פּראָגרעסיסטישע אידיי ווו מע האָט געגלייבט אַז דער איינציקער און בעסטער אופֿן זיך אויסצומישן און קענען אויפֿבויען אַ געמיינזאַם לעבן אין אַרגענטינע איז אויפֿהאַלטנדיק און לערנענדיק זײַן מקורדיקע קולטור (און גרינטלעך די ייִדישע שפּראַך).

צו דערגרייכן זייער ציל האָבן זיי געגרינדעט די שולן, אין וועלכע מע האָט דערצויגן די זין און טעכטער פֿון די אימיגראַנטן. מע האָט אַרויסגעגעבן זייערע אייגענע מאַטעריאַלן אויף ייִדיש, אין וועלכע מע פֿלעגט פֿאָרשטעלן אַלטערנאַטיווע דערציִונגס-פֿאָרשלאַגן.

זיי האָבן אויך געשאַפֿן זייערע אייגענע צײַטשריפֿטן , ״די ייִדישע פֿרוי״ (גערופֿן אויף שפּאַניש ״לאַ מוכער כודיִאַ״) אין וועלכער זיי האָבן פֿאַרעפֿנטלעכט די אידיי פֿון ווײַבלעכער מאַכט, און דעם קאַמף פֿון דער פֿרוי צו פֿאַרנעמען נײַע אַמטן אין סאָציאַלן לעבן, צוגלײַך מיט די מענער.

מיר האָבן צו באַדאַנקען די לייענקרײַזן און אַנדערע פֿרויען-באַוועגונגען ווי דער אָפּי (די פֿעדעראַציע פֿון בלויז פֿרויען פֿון דעם איקוף). אייניקע פֿון זיי האָבן טאַקע פֿאַרנומען וויכטיקע אַמטן און איבערגעלאָזט זייערע שפּורן אויך אין דער פּאָליטיק. אַזוי אַרום האָבן ייִדישע אימיגראַנטן-פֿרויען וועלכע האָבן אין יענע צײַטן ניט געהאַט קיין שטימע (אין דער געזעלשאַפֿט) פֿאַרנומען ערטער און פֿאַרשטאַרקט די פֿעמיניסטישע באַוועגונג.

אין די גרופּעס, אין וועלכע ניט אַלע האָבן געקענט לייענען און שרײַבן,
האָבן די וועלכע האָבן יאָ געקענט,
פֿאָרגעלייענט ביכער פֿאַר די אַנדערע.

קאַראָלינאַ גויסין און וויקטאָריאַ באָראָווסקי
7טער גראַד
אינסטיטוט סאַרמיענטאָ
שטאָט בוענאָס אײַרעס

אויף אַ פּערפֿעקטן שפּאַניש: ״דו מוזסט זען דעם קופֿערט וואָס וועט דאָ בלײַבן באַגראָבן אויף אייביק. קום נענטער און זע וואָס עס געפֿינט זיך אין אים״. אין דעם קופֿערט זענען געווען אויסגעקריצט אויף הילצערנע טאָוועלעך אַ סך נעמען מיטביידע סאָרטן אותיות: אויף שפּאַניש און ייִדיש. זי האָט מיר געזאָגט אַז דאָרט זענען פֿאַרשריבן די דרײַ טויזנט נעמען פֿון די אײַנוווינערס פֿון בודאַפּעשט וואָס האָבן געלעבט אין דער געטאָ. זי האָט מיר אויך געזאָגט אַז זיי האָבן ניט געקלערט אַז זיי וועלן באַווײַזן איבערצולעבן די תּפֿיסה , אַזוי אַז זיי וועלן באַגראָבן דעם קופֿערט מיט די נעמען ערגעץ אין הויף כּדי מע זאָל אין דער צוקונפֿט געדענקען די נעמען פֿון די קרבנות פֿון דעם נאַצישן רעזשים. און מיט טרערן אין די אויגן האָט זי זיך מיט מיר געזעגנט און זיך פּלוצלינג דערוויַיטערט. דערנאָך האָב איך זיך אויפֿגעכאַפּט. כ׳האָב געמיינט אַז מײַן בלוטדרוק איז געפֿאַלן און איך האָב געחלשט, און אַז מײַן איבערלעבונג איז נאָר געווען אַ חלום. אויפֿן אייבערשטן שטאָק פֿון דעם בנין, וואָס איז געווען אַמאָל אַ שיל אין בודאַפּעשט, איז געווען אַ מוזעום, און דאָרט האָב איך מיך דערוווסט אַז פּונקט אין דעם אָרט איז די ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿאַרזאַמלט געוואָרן און ניט געקענט אַרויס פֿון דאָרט. אין דעם מוזעום קען מען אויך זען די קליידונג וואָס זיי האָבן דעמאָלט גענוצט, און ווי מען האָט זיי אויסגעקריצט די נומערן אויף זייער פֿאָדעראָרעם.

איך בין צוריקגעקומען אין פּאַראַנאַ. במשך די דרײַ יאָר וואָס זענען אַריבער נאָך מײַן רײַזע קיין בודאַפּעשט האָב איך געטראַכט וועגן מײַן חלום. איז אַפֿשר געווען אַ שייכות צווישן די נומערן אויף מײַן באָבעס פֿאָדעראָרעם און די נומערן פֿון חלום? כ׳האָב אויסגעזוכט פֿאַמיליע-בילדער און כ׳האָב געפֿונען דעם ענטפֿער. איז אפֿשר געווען מעגלעך אַז מײַן באָבע זאָל האָבן געווען אויפֿן זעלבן אָרט און אַז איך בין געפֿאָרן אין דער פֿאַרגאַנגענהייט? אָדער ס׳איז בלויז מײַן פֿאַנטאַזיע?

שטענדיק האָט מען מיר דערציילט אַז מײַן באָבע איז אָנגעקומען פֿון אייראָפּע מיט אַ שיף, און אַז זי שטאַמט פֿון פּוילן. ווען איך פֿלעג זי פֿרעגן וועגן די נומערן פֿלעגט זי זיי פֿאַרדעקן און ניט רעדן וועגן דעם.

אונטער אַ ווערבע האָב איך געהאַט דאָס פֿאָרגעפֿיל אַז איך דאַרף זיך אומקערן אַהין צו זוכן אַן ענפֿער אויף מײַנע פֿראַגעס.

איך האָב זיך אומגעקערט קײַן בודאַפּעשט אין דער אַלטער שיל, וואָס איז אַ מאָל געווען די עלטסטע און די גרעסטע אין אייראָפּע. איך האָב ווידעראַמאָל אַרומגעשפּאַצירט איבער דעם גאָרטן, און פּלוצלינג האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם אָרט ווו די פֿרוי האָט באַגראָבן דעם קופֿערט אין מײַן חלום. איך האָב אָנגעהויבן גראָבן און אים ענדלעך געפֿונען! כ׳האָב אים געעפֿנט און אין אים געפֿונען די הילצערנע טאָוועלעך. ווי איז דאָס מעגלעך? ווי קען דאָס זײַן? איצט איז מיר אײַנגעפֿאַלן, צען יאָר נאָך די געשעענישן, אַז איך בין געפֿאָרן אין דער פֿאַרגאַנגענהייט און עס איז מיר פֿאַרטרויט געוואָרן אַ מיסיע: פֿאַראייביקן יענע מענטשן וועלכע האָבן איבערגעלעבט און געליטן במשך דער צווייטער וועלט-מלחמה דעם האַס פֿון די שׂונאים. דעריבער האָב איך נאָכן גראַדויִרן זיך אין דער קונסט-אַקאַדעמיע אויפֿגעשטעלט די זילבערנע ווערבע אין דעם בית-עולם פֿון די העלדן, ווו יעדעס בלעטל טראָגט דעם נאָמען פֿון אַן אײַנוווינער וואָס האָט געהאַט זײַן הילצערן טאָוועלע. דאָרט הענגט אויך, אויף אייביק, מײַן באָבעס נאָמען.

די זילבערנע ווערבע

אַגוסטינאַ מאַנאַראַ
7טער גראַד
שול סט. ברענדאַנ׳ס
שטאָט בוענאָס אײַרעס

ס׳איז געשען אין אַ פֿרימאָרגן פֿון 1972, אין פּאַראַנאַ, מײַן געבורטשטאָט, ווען איך האָב באַשלאָסן צו מאַכן אַ רײַזע איבער דער וועלט. כ׳בין אַוועק אין דער שטאָט-ביבליאָטעק און געבעטן בײַם ביבליאָטעקאַר אַז ער זאָל מיר העלפֿן זוכן אַ וועלט-אַטלאַס זיך צו באַקענען מיט ערטער איך זאָל קענען אויסקלײַבן. אונטער דעם קעפּל ״צענטראַל אייראָפּע״ האָב איך דערזען וווּנדערלעכע בילדער פֿונעם טײַך דונײַ. האָב איך בײַ מיר געטראַכט: דאָס איז דער טײַך פֿון דעם וואַלץ? דער באַרימטער בלויער דונײַ? די מעלאָדיע פֿון דעם וואַלץ האָט נאָך געקלונגען אין מײַנע אויערן ווײַל מײַן בעסטע חברטע האָט חתונה-געהאַט מיט אַ פּאָר וואָכן פֿריִער. כ׳האָב זיך דערמאָנט אַז פּונקט אַנטקעגן די דעלטע פֿון טײַך פּאַראַנאַ האָבן מײַן חברטע און איר מאַן געטאַנצט. איך בין באַלד אַרויס קויפֿן אַ בילעט צום אויטאָבוס קײַן בוענאָס־אײַרעס. ווען איך בין אָנגעקומען אין דער סטאַנציע האָב איך גענומען אַן אויטאָ און גלײַך געפֿאָרן אין צענטער פֿון דער שטאָט צו זוכן אַ טוריזם-אַגענטור וואָס זאָל מיר קענען העלפֿן פֿאָרן קײַן אונגאַרן. צוויי טעג שפּעטער בין איך שוין געווען אין בודאַפּעשט — די הויפּטשטאָט. בודאַפּעשט איז אַ שטאָט וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פֿון צוויי באַזונדערע טיילן אָבער מיט אַ פֿאַראייניקטער געשיכטע: בודאַ, די אַלטע שטאָט, און פּעשט, די נײַע. בודאַ און פּעשט זענען אָפּגעשיידט דורך דעם טײַך פֿון דעם וואַלץ: דער דונײַ. איך האָב אָנגעהויבן אַרומגיין איבער די גרויע געסלעך פֿון פּעשט אָן אַ באַשטימטן ציל, ס׳האָט מיר אויסגעוויזן ווי אַ פֿאַרכּישופֿט אָרט וואָס פֿירט מיך צו דער פֿאַרגאַנגענהייט, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט פֿון אַ צײַטמאַשין. ווען איך האָב זיך פֿאַרקערעוועט אין אַ ראָג האָב איך מיך אָנגעטראָפֿן מיט אַ בנין וואָס איך האָב געמיינט אַז עס איז אַ קלויסטער. דורך אַ טויער בין איך אַרײַן אין דעם בנין. ס׳איז געווען אַ מערקווירדיק אָרט, טרויעריק און מעלאַנכאָליש. באַלד האָט מיך אַרומגענומען אַ מעלאַנכאָליש געפֿיל. אַ היימיש גערוך האָב איך געפֿילט פֿון דעם צענטראַלן הויף. ווען כ׳בין אַדורך אַ טיר פֿון אַ דרײַ מעטער די הייך האָב איך באַגעגנט אַן עלטערע פֿרוי וואָס האָט פֿאַרקויפֿט אַניסבייגל. דער ריח האָט מיר דערמאָנט מײַן קינדהייט, בײַ מײַן באָבען אין שטוב, וואָס פֿלעגט אונדז יעדן זונטיק אויפֿנעמען מיט אַניס-זעמעלעך. כ׳האָב זיך דערנענטערט צו דער פֿרוי און זיך געוואָלט מיט איר אַדורכשמועסן. איך האָב צו איר גערעדט ענגליש אָבער זי האָט ניט פֿאַרשטאַנען און זי האָט צו מיר גערעדט אויף אַ שפּראַך וואָס איז מיר געווען פֿרעמד. זי האָט אָנגעוויזן מיט אַ פֿינגער אין אַ געוויסער ריכטונג און כ׳האָב פֿאַרשטאַנען אַז זי וויל מיר אָנווײַזן אויף אַן אָרט, אַהין צו גיין. גייענדיק אין דער ריכטונג בין איך אָנגעקומען צו שטויביקע מויערן, גרויע און מיט גאָר אַלטע אויפֿשריפֿטן. די מויערן האָבן געפֿירט צו אַנדערע מויערן אין פֿאָרעם פֿון אַ צירקל, ווי עס וואָלט געווען אַ קײַלעכדיקע תּפֿיסה. כ׳האָב זיך אַליין געפֿרעגט: ״וווּ בין איך?״. ס׳האָט מיך עפּעס געשטיקט, כ׳האָב כּמעט ניט געקענט אָטעמען, כ׳האָב געפֿילט אַז איך ווער אוממעכטיק. און דערנאָך געדענק איך ניט גוט וואָס איז געשען, צי כ׳בין געווען אומבאַוווסטזיניק אַ פּאָר מינוט, אַ פּאָר שעה אָדער אַ פּאָר טעג. כ׳האָב געמיינט אַז איך חלום, אַז איך בין אין אַן אַנדערער תּקופֿה. ס׳האָבן מיך אַרומגערינגלט קולות אויף פֿרעמדע שפּראַכן. אַ סך פֿון זיי האָבן געטראָגן אַנצוגן מיט פּאַסן און געלע שטערן אויף זייערע העמדער. אייניקע זענען געווען זייער אויסגעדאַרט און אָפּגעגאָלט. די קינדער האָבן געוויינט פֿאַר הונגער און אַנדערע האָבן אַפֿילו ניט געהאַט קיין כּוח צו וויינען. כ׳האָב אָנגעהויבן אַרומצוגיין איבער די הויפֿן געפּאַקטע מיט מענטשן און כ׳האָב באַגעגנט אַ געזיכט וואָס איז מיר געווען קענטלעך. ווען כ׳האָב דערזען די פֿרוי, אַרום צוואַנציק יאָר אַלט, האָב איך גענומען איר נאָכגיין. זי האָט אויף מיר אויך געקוקט ליבלעך- אַזוי האָב איך געפֿילט. אויף איר פֿאָדעראָרעם האָב איך דערזען אַ נומער וואָס איך האָב דעמאָלט געמיינט אַז עס איז די דאַטע פֿון איר געבורטסטאָג. דאָס האָב איך געטראַכט ווען איך פֿלעג באַזוכן מײַן באָבען. פֿון איין הויף אין אַנדערן, פֿון איין טיר צו דער אַנדערער בין איך איר נאָכגעגאַנגען. ענדלעך ווען איך האָב זי דערגרייכט האָט זי זיך אויסגעדרייט צו מיר און געזאָגט

״ווען איך פֿלעג זי פֿרעגן וועגן די נומערן פֿלעגט זי זיי פֿאַרדעקן און ניט רעדן וועגן דעם.

אונטער אַ ווערבע האָב איך געהאַט דאָס פֿאָרגעפֿיל אַז איך וואָלט זיך געמוזט אומקערן...״

חודש האָט ער זיך דורכגעשריבן מיט זײַן פֿאַמיליע און זיי דערציילט נײַסן און זײַנע אַנעקדאָטן מיט די נײַע פֿרײַנד.

דאָס לעבן אין בוענאָס-אײַרעס איז געווען זייער אַנדערש ווי אין דער קאָלאָניע פֿון וועלכער ער איז געקומען. ער האָט פֿאַרבראַכט זײַנע טעג צווישן דער שול און זײַן אַרבעט. ענדע וואָך האָט ער פֿאַרבראַכט מיט די בורמאַנס. אַ לאַנגע צײַט איז אַדורך ביז ער האָט באַזוכט זײַן משפּחה אויף יום-טוב, די ערשטע צײַטן איין מאָל אין יאָר, אויף פּסח, און שפּעטער אויך אויף ראש השנה. און ווען ער פֿלעגט זיך אומקערן פֿלעגט ער קומען באַלאָדן מיט עסן און זיך געטיילט מיט די בורמאַנס.

אַזוי ווי זיי האָבן ליב געהאַט טעאַטער, פֿלעגן זיי אָפֿט גיין אין ייִדישן טעאַטער און זיי האָבן מיטגענומען דימיטרין. אַ ביסל פֿון דער שפּראַך האָט ער געהאַט געלערנט אין ענטרע-ריִאָס, און אין זײַן פֿרײַער צײַט אין בוענאָס-אײַרעס האָט ער עס פֿאַרפֿולקאָמט. ער איז געווען אַ מומחה פֿאַר שפּראַכן, אין אָנפֿאַנג זענען זיי געגאַנגען אין פּשוטע טעאַטערס. אָבער דאָס טעאַטער האָט אים געפֿאַנגען. דעמאָלט האָט ער זיך אָנגעהויבן לערנען קונסט, אין דעם אָרט אויף דער גאַס בולאָן סור מער 549 ווּ עס איז שפּעטער אויפֿגעקומען דער טעאַטער איפֿ״ט.

די יאָרן פֿון 1930 ביז 1950, זענען געווען די גאָלדענע יאָרן פֿון דעם ייִדישן טעאַטער. איין מאָל איז דימיטרי געגאַנגען אין טעאַטער ״על פּאָרטעניאָ״ זען אַ רוסיש שטיק, ״מײַן אָפֿיציעלע ווײַב״ און דאָרט זיך באַקענט מיטן אַקטיִאָר ענריקע טשײַקאָ. טשײַקאָ איז געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד און אָנגעקומען אין אַ קאָלאָניע אין ענטרע-ריִאָס ווען ער איז אַלט געווען דרײַ יאָר. אין 1900 האָט ער זיך באַזעצט מיט זײַן משפּחה אין בוענאָס-אײַרעס.

דימיטרי, וואָס איז אום 1940 שוין געווען אַ באַרימטער טרומייט-שפּילער, האָט געהאַט אַן ענגע פֿרײַנדשאַפֿט פֿאַרבינדונג מיט ענריקען. בײַ אים אין שטוב האָט דימיטרי זיך באַקענט מיט אַן אָפּערע-זינגערין, בערטאַ, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט אַ יאָר שפּעטער. דעמאָלט האָבן זײַנע עלטערן און צוויי פֿון זײַנע ברידער געקענט קומען צו זײַן מיט דימיטרין. די פֿעלדאַרבעט האָט ניט דערלויבט צו זײַן ווײַט פֿאַר אַ לאַנגער צײַט. דאָס איז געווען דאָס ערשטע און דאָס איינציקע מאָל וואָס זיי זענען געפֿאָרן קײַן בוענאָס-אײַרעס. די שטאָט האָט זיי פֿאַרבלענדט. זיי זענען געבליבן בלויז אַ פּאָר טעג, גענוג צו פֿאַרשטיין אַז דימיטרי וועט קיין מאָל זיך ניט באַזעצן אין באַסאַווילבאַסאָ.

דערווײַל איז אַ נײַע שווערע צרה באַפֿאַלן די משפּחה: די צווייטע וועלט-מלחמה האָט געבראַכט צעשטערונג. קרובים און פֿרײַנד וואָס האָבן ניט באַוויזן צו אַנטלויפֿן זענען איצט אומגעקומען. פֿיל פֿון זיי זענען געשטאָרבן, און די לעבנס-געבליבענע האָבן זיך אָנגעטראָפֿן מיטן חורבן. די פֿאַרבינדונג איז געווען שווער און מע האָט ניט געוווסט וועגן דעם גורל פֿון זייערע ליבע. עגמת נפֿש און צער. און ניט קענען העלפֿן זיי אַרויסצוראַטעווען פֿונעם גיהנום.

דימיטריס משפּחה

דימיטריס משפּחה האָט געהאַט אָנגעהויבן אַן אַגריקולטור-אונטערנעמונג אין רוסלאַנד. אָבער זיי האָבן ניט געהאַט קיין דערפֿאָלג און מע האָט זיי אַרויסגעטריבן. לויט קאָמענטאַרן, און פֿון דעם וואָס זיי האָבן געהערט פֿון גוטע פֿרײַנד, האָבן זיי באַטראַכט די מעגלעכקײַט צו עמיגרירן קײַן אַרגענטינע. זיי זענען אָנגעקומען מיט דער שיף ״וועסער״, אום 1914 . זיי האָבן אויסגענוצט די געלעגנהײַט פֿון דער מאַסן-עמיגראַציע, ווײַל אַרגענטינע האָט זיך געפֿונען אין אַן עפּאָכע פֿון פֿולער אַנטוויקלונג אין אַגריקולטור און פֿיצוכט. זיי האָבן געקענט אַ סך רוסן וואָס האָבן עמיגרירט קײַן בוענאָס-אײַרעס און ענטרע-ריִאָס זינט 1889.

דאָרט האָט זיי אָפּגעוואַרט אַ וויכטיקער פּראָיִעקט וואָס האָט זיי צוגעזאָגט אַ זיכער אָרט פֿאַר יענע ייִדן וועלכע האָבן געמוזט אַנטלויפֿן פֿון אָרעמקײַט, הונגער און טויט. דער פּראָיעקט האָט געהייסן ייִק״א (ייִדישע קאָלאָניזאַציע אַסאָציאַציע) . די געזעלשאַפֿט איז געווען פֿאַרשפּרייט איבער עטלעכע אַרגענטינער פּראָווינצן . און זיי זענען געפֿאָרן קײַן ענטרע-ריִאָס, בעסער געזאָגט: קײַן באַסאַווילבאַסאָ.

ווען זיי זענען אָנגעקומען אין באַסאַווילבאַסאָ האָט מען זיי באַזעצט אין איינער פֿון די קאָלאָניעס און מע האָט זיי געגעבן אַ שטח ערד צו באַאַרבעטן. דאָרט דאַרפֿן זיי פֿאַרזייען ווייץ, פֿלאַקס, האָבער און אויך קוקורוזע. די מענער האָבן באַאַרבעט דאָס פֿעלד און די פֿרויען האָבן געאַרבעט אין דער היים. די קינדער האָבן אויך געמוזט אַרבעטן און העלפֿן דער משפּחה. אַזוי ווי דימיטרי איז אַלט געווען אַכט יאָר האָט ער געקענט גיין אין שול, אָבער זײַנע עלטערע ברידער, אַריבער 14 יאָר אַלט, האָבן געמוזט אַרבעטן אין פֿעלד און האָבן ניט געהאַט דאָס מזל צו לערנען ווײַטער.

דימיטרי האָט זיך באַפֿרײַנדט מיט אַ פּאָר קינדער פֿון דער זעלבער קאָלאָניע וואָס האָבן אויך געלערנט אין דער זעלביקער שול, אַזוי אַז זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט צו פֿאָרן מיט אַ סולקי(ברידזשקע). אָנצוקומען אין שול האָבן זיי געדאַרפֿט פֿאָרן 30 קילאָמעטער. אין שול האָט מען גערעדט שפּאַניש, אַזוי אַז דאָס לערנען איז פֿאַר אים ניט געווען לײַכט. אָבער ער איז געווען זייער קלוג און עס איז אים געלונגען, און אין אַ קורצער צײַט האָט ער זיך אויסגעגלײַכט מיט זײַנע חברים פֿון קלאַס.

ווען דימיטרי און זײַן משפּחה זענען אָנגעקומען קײַן באַסאַווילבאַסאָ איז דאָרט שוין געווען אַ שיל. און דאָס איז געווען דאָס אָרט ווו די משפּחות פֿלעגן זיך טרעפֿן. אָבער עס האָט אויך עקזיסטירט דער סאָציאַלער פֿאַראיין פֿון דער קאָאָפּעראַטיוו פֿון ערד-אַרבעטערס פֿון לוסיענוויל, וואָס איז געווען בלויז אַ פּאָר קילאָמעטער פֿון דער קאָלאָניע. און האָט געשפּילט זייער אַ וויכטיקע ראָלע פֿאַר דער גאַנצער ייִדישער געזעלשאַפֿט וואָס האָט זיך באַזעצט אין דער אַרומיקער געגנט. נאָכן פֿאַרענדיקן די אָנפֿאַנגשול האָט דימיטרי געהאַט די געלעגנהייט צו פֿאָרן קײַן בוענאָס-אײַרעס פֿאָרצוזעצן זיך לערנען אין דער שטאָט. אין קאָאָפּעראַטיוו האָט זײַן טאַטע זיך באַקענט מיט אַריאל אַבראַמאָוון, אַ וויכטיקע פּערזענלעכקײַט פֿון דער קאָלאָניע, און באַמערקנדיק דימיטריס פֿעיִקײַטן, האָט ער פֿאַר אים געפֿונען אַ וווינונג פֿאָרצוזעצן לערנען אין מיטלשול אין בוענאָס- אײַרעס.

צו באַצאָלן פֿאַר די הוצאות האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער געגנט וואָס הייסט ״אָנסע״. ער איז געווען אַ שיקייִנגל אין אַ געוועב-פֿאַבריק. מען האָט אים ניט געצאָלט קיין סך, אָבער עס איז געווען גענוג פֿאַר זײַנע טעגלעכע הוצאות. ער האָט ניט נאָר פֿאַרדינט אַ ביסל געלט נאָר ער איז אויך געוואָרן באַקאַנט מיט די גאַסן פֿון דער שטאָט און דאָס איז פֿאַר אים געווען וויכטיק. די ערשטע צײַטן זענען געווען שווערע ווײַל ער איז געווען דערווײַטערט פֿון זײַן משפּחה. ער האָט געבענקט נאָך זײַן מאַמעס מאכלים אין ענטרע-ריִאָס, די וואַרעניקעס און קנישעס, אָבער זײַן עקאָנאָמישע לאַגע האָט אים ניט דערמעגלעכט צו פֿאָרן באַזוכן זײַן משפּחה. אָבער די משפּחה בורמאַן, בײַ וועלכער ער האָט געוווינט, האָט אים זייער גוט אויפֿגענומען און ער האָט זיך בײַ זיי געפֿילט באַשיצט און דאָס האָט אים געהאָלפֿן איבערצוקומען די איינזאַמקײַט. צו 15 יאָר איז דאָס געווען שווער. יעדן

״אָנצוקומען אין שול האָבן זיי געדאַרפֿט פֿאָרן 30 קילאָמעטער.

אין שול האָט מען גערעדט שפּאַניש, אַזוי אַז דאָס לערנען איז פֿאַר אים ניט געווען לײַכט״.

מאַרטין ליסענקי
2טע יאָר
טעכנישע שול פֿיליפּס אַרגענטינע
שטאָט בוענאָס-אײַרעס

ער איז אַרויף אויף דער שיף האָט ער געזען אַז מע האָט אַרויפֿגעבראַכט עטלעכע אייזלען. מע דאַרף זיי זיכער געבן צו עסן און טרינקען! ווען זיי די קומענדיקע נאַכט זיי אָפּזוכן און טרינקען אַ ביסל פֿון זייער וואַסער. דעם רעשט פֿון טאָג האָבן זיי גערעדט צווישן זיך שטילערהייט אַז קיינער זאָל זיי ניט הערן. דעמאָלט האָט ער זיך דערוווּסט אַז אָדם האָט אַכט ברידער. צוויי פֿון זיי, דערוואַקסענע, 20 און 23 יאָר אַלט, האָבן געמוזט דינען אין מיליטער צו פֿאַרטיידיקן דאָס פֿאָטערלאַנד, די איבעריקע זעקס האָבן געפּרוּווט פֿאַרשידענע אופֿנים צו אַנטלויפֿן און ער איז דער איינציקער אַרויף אויף דער שיף אין דעם נאָענטן האַפֿן.

ס'איז שוין געווען טיף בײַ נאַכט ווען זיי זענען אַרויס זוכן די אייזלען. אָבער זיי זענען ניט געווען אויף דעם זעלבן "שטאָק", האָבן זיי באַשלאָסן צום ערשטן מאָל אַרויפֿגיין דורך די טרעפּ. דאָס איז געווען גאַנץ געפֿערלעך אין זייער צושטאַנד, ווײַל טאָמער מע וואָלט זיי געזען וואָלט מען זיי באַשטראָפֿט אָדער אַפֿילו געטויט. סײַ ווי סײַ זענען זיי אַרויף און זיך געהיט ניט צו מאַכן קיין רעש און, צו זייער מזל, האָבן זיי דערזען די אייזלען און אויך דאָס וואַסער וואָס מע האָט פֿאַר זיי געלאָזט. און כאָטש דאָס וואַסער איז געווען שמוציק האָט עס געשטילט זייער דורשט, און זייער האַלדז איז שוין ניט געווען אַזוי פֿאַרטרוקנט.

אָבער די אייזלען האָבן אָנגעפֿאַנגען צו טומלען. זיי האָבן געמוזט אַנטלויפֿן און די הילצערנע ברעטער פֿונעם דיל האָבן געסקריפּעט, אָבער ס'איז זיי געלונגען צו אַנטלויפֿן צוריק אין זייער באַהעלטעניש.

צומאָרגנס האָט מאַציעי זיך אויפֿגעכאַפּט צו גיין זיך אויספּישן. אָבער... ווּ? האָט אים אָדם אײַנגערעדט – צווישן די פֿעסלעך! ער וועט ניט קוקן! מאַציעיען איז דאָס ניט געפֿעלן ווײַל עס איז ניט היגיעניש. אָבער ער האָט ניט געהאַט קיין ברירה און געפּישט אין אַ זײַט.

אויפֿגעגעסן די לעצטע מאַראַנצן וואָס זענען נאָך געבליבן, האָבן זיי ווידער באַשלאָסן יענע נאַכט זוכן עסן און אויך טרינקען. ביי נאַכט האָבן זיי זיך געגרייט אַרויסצוגיין ווען זיי האָבן דערהערט עמעצן באַטראַכטנדיק די פֿעסער, און אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז ער אַראָפּ מיט נאָך דרײַ בחורים. זיי האָבן אַרויפֿגעטראָגן אַ פּאָר פֿעסלעך און אויך די מאַראַנצן. אָדם און מאַציעי זענען פֿאַרבליבן שטיל, מורא געהאַט מע זאָל זיי זען און כאַפּן אַ פּאָר קלעפּ, ווײַל זיי האָבן אויסגעזען צו זײַן זייער שטאַרקע.

אַ לאַנגע ווײַלע האָבן זיי געטאַסקעט פֿעסלעך און גערעדט אויף אַ שפּראַך וואָס מאַציעי האָט ניט פֿאַרשטאַנען. נאָך דעם זענען זיי אַרויף און אָדם האָט געזאָגט אַז ס'איז בעסער צו שלאָפֿן ווײַל הײַנט קען מען שוין גאָר ניט טאָן.

אָדם האָט דערקלערט מאַציעיען אַז דאָס האָבן זיי גערעדט פֿראַנצייזיש, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט בײַ זײַן משפּחה ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין קינד, און ער האָט פֿון זייער שמועס פֿאַרשטאַנען אַז צומאָרגנס וועלן זיי זיך אָפּשטעלן אין דער פֿרי און פֿאָרזעצן אין אָוונט, און אַז זיי דאַרפֿן מאַכן פּלאַץ פֿאַר מעבל און עסנוואַרג וואָס זיי וועלן פֿירן קײַן אַמעריקע. אָדמען איז אײַנגעפֿאַלן אַז זיי וואָלטן געקענט בלײַבן אין אַמעריקע און דאָרט וואָלט יעדער איינער פֿון זיי באַזונדער געקענט אָנהייבן אַ נײַ לעבן. מאַציעיען איז דער געדאַנק געפֿעלן געוואָרן, אָבער ער האָט זיך ניט געוואָלט שיידן נאָר בלײַבן מיט אָדמען ווײַל ער האָט אים שוין געפֿילט ווי אַ גוטן פֿרײַנד נאָכן זײַן צוזאַמען אַ גאַנצע וואָך.

אַ גאַנצן טאָג האָט זיך די שיף ניט באַוועגט, און זיי האָבן געזען און געהערט אַ סך מענטשן אָנלאָדן פֿעסער און מעבל, ביז עס איז געוואָרן נאַכט און די שיף האָט זיך אָנגעהויבן רירן. זיי זענען אַרויס זען צי עס איז געבליבן עפּעס צו עסן און זיי האָבן געפֿונען אַן אוצר: אַ פֿאַס מיט ברויטן און וורשטן. זיי האָבן אַרויסגענומען עטלעכע, און פֿאַרשטאַנען אַז זיי מוזן דאָס אײַנטיילן אין פּאָרציעס. מאַציעי האָט געהאַט געלערנט געאָגראַפֿיע און ער האָט געוווּסט אַז די רײַזע קײַן אַרגענטינע דויערט אַרום 14 טעג, און בפֿרט מיט אַ לאַסטשיף, ניט קיין פּאַסאַזשירן-שיף וואָס שטעלט זיך אָפּ צוליב טוריזם.

דער רעשט פֿון דער רײַזע איז שוין געווען לײַכטער, אָן קאָמפּליקאַציעס ווײַל ברויט און וואַסער האָבן זיי געהאַט



צו דער האַנט. נאָר איין מאָל האָבן זיי איבערגעלעבט אַן אומאײַנגענעמענע סיטואַציע: אַרויסגייענדיק האָט מאַציעי געזען אַז עמעצער קומט זיי אַנטקעגן, און בײַם אַנטלויפֿן האָבן זיי אויפֿגעוועקט אַ צווייטן. אָבער לויט זיי האָבן שפּעטער געהערט, איז דער ערשטער געווען אַ נאַכטוואַנדלער, און דער צווייטער וואָס האָט זיך אויפֿגעכאַפּט האָט געמיינט אַז דעם רעש האָט געמאַכט טאַקע דער לונאַטיקער.

אויפֿן וועג האָט אָדם געלערנט מאַציעיען אַ פּאָר ווערטער אויף שפּאַניש (די שפּראַך וואָס ווערט גערעדט אין אַרגענטינע) און ווען זיי זענען אָנגעקומען האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן צווישן קופֿערטן כּדי צו קענען אַנטלויפֿן בײַם אַראָפּלאָדן. דער מענטש וואָס האָט אַראָפּגעלאָדן די קופֿערטן האָט זיי דערזען און האָט זיי געוואָלט איבערגעבן דער פּאָליציי. אָבער זיי האָבן געהאַט מזל ווײַל ער האָט געקענט די לאַגע אין דער באַלאַגערטער פּוילן דורך די נאַציס, און האָט זיי אַדורכגעלאָזט.

אין אַרגענטינע האָט זיך זייער לעבנסוועג צעשיידט און מאַציעי האָט קיינמאָל מער ניט געהערט וועגן אָדמען. אָבער ער איז אַרײַן אין אַ בית-יתומים און שפּעטער געלערנט אין שול. ער האָט חתונה-געהאַט מיט אַ ייִדישער פֿרוי, חנה איז איר נאָמען, מיט וועלכער ער האָט געהאַט דרײַ קינדער: כּואַן, פּעדראָ און יחזקאל. די געשיכטע איז געשריבן געוואָרן דורך יחזקאלס זון (לוּיִס) נאָך אַן אינטערוויוּ מיט זײַן זיידן (מאַציעי).

מאַציעי שימאַנסיאַ

מאַציעי שימאַנסיע איז געווען אַ פֿופֿצניעריקער בחור, אַ געבוירענער אין פּוילן בײַ אַ ייִדישער משפּחה אין דער שטאָט גדיניע, בײַם ברעג ים. זיי זענען געווען זייער פֿרום און האָבן אָפּגעהיט אַלע מצוות, זיי זענען שטענדיק געגאַנגען אין שיל און גערוט אום שבת. ס׳איז געווען אַ משפּחה פֿון מיטלקלאַס אָן קיין סך לוקסוס.

דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939 האָבן די דײַטשן אינוואַדירט פּוילן און אָנגעהויבן פֿאַרשליסן ייִדן. עס איז געווען אוממעגלעך צו אַנטלויפֿן דורך ערד ווײַל פֿון איין זײַט האָבן אַטאַקירט די נאַציס און פֿון דער צווייטער די רוסן. דאָס הייסט אַז דער איינציקער אויסוועג איז געווען די שיף, אַזוי ווי זיי האָבן געוווינט בײַם ברעג ים האָבן זיי געפּרוּווט זיך אַרײַנצושמוגלען אין אַ שיף, ווי ״בלינדע פּאַסאַזשירן״. אָבער בלויז מאַציעין איז עס געלונגען. זײַנע עלטערן זענען פֿאַרבליבן אין דער שטאָט וואַרטנדיק אויף אַן אַנדערער שיף...

אויף דער שיף האָט מאַציעי זיך באַמיט צו לעבן אָבער אומבאַמערקט, טראַכטנדיק אַז ער וועט מוזן גנבֿנען עסן (פֿון קליינווײַז אָן האָט מען אים געלערנט אַז מע טאָר ניט גנבֿנען! דאָס איז פֿאַרבאָטן אין דער תּורה!) אפֿשר ווען מע וואָלט דערציילט די מאַטראָזן וואָלטן זיי זיך מרחם געווען... בשעת ער האָט געזוכט אַן אָרט אין שיפֿסרוים זיך אויסצובאַהאַלטן האָט ער דערזען אַן אַנדער ייִנגל פֿון אַ יאָר זעכצן, אויסבאַהאַלטן הינטער עטלעכע קופֿערטן.

זיי האָבן אָנגעהויבן שמועסן און ער האָט זיך דערוווּסט אַז דאָס אַנדערע ייִנגל האָט געהייסן אָדם און ער האָט אויך געהערט צו אַ ייִדישער משפּחה. אָבער ניט ווי מאַציעי. זײַנע איז געווען אַן אָרעמע משפּחה און זײַנע קליידער זענען געווען פֿאַרשמירט, פֿול מיט בלאָטע, און זײַנע הויזן צעריסן בײַ די קני. האָבן זיי באַשלאָסן צו שלאָפֿן צוזאַמען, אַרומגערינגלט פֿון פֿעסער פֿול מיט ווייץ, ווײַל זיי האָבן געמיינט אַז אַזוי וועט מען זיי ניט געפֿינען ווײַל קיינער וועט ניט קומען איבערקוקן.

ווי נאָר עס איז אַריבער די ערשטע נאַכט האָבן זיי זיך אויפֿגעכאַפּט אַ ביסל צעחושט, מיט ים-קראַנקייט. פֿאַרביידע איז דאָס געווען דאָס ערשטע מאָל אויפֿן ים און זיי האָבן זיך ניט געפֿילט גוט. זיי זענען געווען הונגעריק נאָך צוויי טעג פֿאַסטן, און אַזוי ווי זיי האָבן ניט געהאַט קיין אַנונג ווו זיי געפֿינען זיך אָדער ווי לאַנג די שיף וועט פֿאָרן, האָבן זיי באַשלאָסן צו גנבֿענען דאָס עסן. פֿאַר מאַציעין איז דאָס געווען זייער אַ שווערער באַשלוס ווײַל ער פֿלעגט שטענדיק האָבן זײַנע עלטערנס שטיצע און הילף אין אַלץ, און ער איז קיינמאָל ניט באַגאַנגען קיין פֿאַרברעכן. דאָס האָט פֿאַר אים געמיינט ״אַריבערטרעטן די שוועל״ אָן אַן אומקער. אָדם האָט אים אָבער איבערגעצײַגט זאָגנדיק אַז עס האַנדלט זיך מסתּמא אין עסן וואָס די סוחרים דאַרפֿן ניט, און אַז זיי זענען רײַכע מענטשן פֿאַר וועמען עס וועט גאָר ניט שאַטן אויב עס וועט אַ ביסעלע פֿעלן.

זיי האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגיין פֿון זייער באַהעלטעניש צווישן די פֿעסלעך צו זוכן אין אַנדערע נאָענטע פֿעסלעך עפּעס ווי עפּל אָדער פּלעצלעך, אָבער זיי האָבן בלויז געפֿונען רײַז, ווייץ, קוקורוזע און אַ פּאָר גרינסן וואָס מע קען נישט עסן. דאַן האָבן זיי באַשלאָסן אַז בײַ נאַכט זענען פֿאַראַן ווינציקער אַרומגייערס, וועלן זיי ווידער אַ מאָל פּרוּוון צו זוכן.

נאָך האַלבער נאַכט זענען זיי נאָך אַ מאָל אַרויס פֿון באַהעלטעניש. דאָס מאָל האָט שוין מאַציעין דער ליידיקער מאָגן גענוג ווי געטאָן, און זיי האָבן אָנגעהויבן זיך אַרומדרייען איבערקוקנדיק די פֿעסלעך, פֿאָרזיכטיק ניט צו מאַכן קיין גערויש. ער האָט זיך שוין געפֿילט צעחושט און מיד, און אָדם האָט עס באַמערקט. אָבער ער האָט געזאָגט אַז מע מוז פֿאָרזעצן, אַז זיי טאָרן ניט רעזיגנירן ווײַל אויב ניט וועלן זיי ניט האָבן וואָס צו עסן. זיי האָבן געזוכט און געזוכט איבער אַ שעה. פֿאַר מאַציעין האָט דאָס אויסגעזען אַן אייביקייט. ביז זיי האָבן געפֿונען אַ פֿאַס מיט מאַראַנצן. זיי האָבן געכאַפּט אַרום צען (מער האָבן זיי ניט געקענט טראָגן!) און צוריק אין באַהעלטעניש.

צומאָרגנס האָבן זיי געגעסן אַ פּאָר מאַראַנצן און אָדם האָט פֿאָרגעלייגט אַרויסצוגיין זוכן וואַסער ווײַל ער איז שוין געווען דורשטיק. מאַציעי האָט זיך דערמאָנט אַז ווען

> *ס׳איז שוין געווען טיף בײַ נאַכט ווען זיי זענען אַרויס זוכן איבעראַל די אייזלען.*
>
> *אָבער זיי זענען ניט געווען אויף דעם זעלבן ״שטאָק״, האָבן זיי...*

איגנאַסיאָ פּראַגאַ
2טע יאָר
טעכנישע שול פֿיליפּס אַרגענטינע
שטאָט בוענאָס איירעס



ווער איז געווען עלענאַ זיפּמאַן?

״זייער אַ באַליבטע פֿרוי...״

אַרי אַדאַמאָ, מאַטעאָ קאַמפּאָלאָ,
אַמפּאַראָ פֿערעיראַ, אורסולאַ שיפּעלהוט, איוואַן
ווענטוראַ
4טע יאָר
שול נומער1 ״עסטעבאַן עטשעוועריאַ״
הורלינגהאַם, בוענאָס-אײַרעס

עלענאַ זיפּמאַן (1927-2021)

אַ פּיאַניסטקע, באַגלייטערן פֿון טענצערס אין דעם אָרקעסטער פֿון טעאַטער קאָלאָן.

אין 1952 הייבט זי אָן געבן פּריוואַטע לעקציעס און אויך אין קינדער־גערטנער פֿון דער געגנט ״על פּאַלאָמאַר״.

זי איז געווען זייער אַ באַליבטע פֿרוי אין דער סביבה צוליב אירע סאָציאַלע איניציאַטיוון.

זי איז געשטאָרבן אין 2021 , אין עלטער פֿון 94 יאָר.

דאָס נאָרמאַלע איז אויך אומבאַקאַנט

″איך האָב זיך באַקענט מיט דעם טרענירער און זיך אָנגעהויבן איבערצוטאָן. און עס האָבן אָנגעהויבן אַרײַנקומען די אַנדערע קינדער. אַ פּשוטע באַגריסונג: ″איך בין יונה (כאָנאַס) און דו?″

יאָנאַס גלאַובאַרט
4טע יאָר
שול מאַרטין בובער
שטאָט בוענאָס אײַרעס

געבוירן בין איך געוואָרן אַ ייִד. אַ ייִד אין איינער פֿון די פֿאַרשידענע פֿאָרעמס וואָס עקזיסטירן. ניט קיין פֿרומער ייִד, ניט אין ישׂראל, און אויך ניט ווי אַנדערע ייִדן וואָס עקזיסטירן. יעדער איינער לעבט עס און אינטערפּרעטירט עס אַנדערש. אַ ייִד לויט דעם פֿאַמיליע-נאָמען, אַ ייִדישע מײַן שול, אַ ייִד לויט די טראַדיציעס וואָס מיר באַשליסן אָפּצוהיטן מיט מײַן משפּחה – אָבער ניט ווי אַ נויטיקע זאַך אין אונדזער לעבן – ייִדיש איז מײַן קלוב און ייִדיש איז מײַן סביבה. אַ ייִד אין אַ ייִדישער שול, אַ ייִד מיט ייִדישע חברים. אַ ייִד בין איך ביז איצט, צו זעכצן מיט אַ האַלב יאָר. אַ ייִד לויט מײַן פֿאַרשטאַנד.

″פֿאַרשאָלטענער ייִד!″ שמוציקער ייִד! וויפֿל מאָל האָב איך געהערט דאָס וואָרט, וויפֿל מאָל האָט מען מיר דאָס געזאָגט אין די פֿאַרשידענע פֿאַרמעסטן. איך בין אַ טויער-היטער פֿון פֿוטזאַל אין מײַן קלוב, העבראַיִקאַ, דער איינציקער ייִדישער קלוב וואָס באַטייליקט זיך אין די פֿאַרמעסטן פֿון דער אַרגענטינער פֿוטזאַל אַסאָסיאַציע. אָבער איך וויל ניט רעדן וועגן אַנטיסעמיטיזם; וועגן דעם רעדט מען שוין גענוג.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, ניט קיין סך, בין איך צום ערשטן מאָל אַרויס פֿון מײַן וועלט, פֿון דער ייִדישער וועלט. צום ערשטן מאָל האָב איך אָנגעהויבן זיך אַדורכצוגיין איבער דער ″גויִשער וועלט″ און זיך באַקענען מיט יענע קינדער וואָס זענען נישט געווען ″ווי איך″.

וואָס איז געשען ווען איך בין אַרויס אויף דער וועלט? וואָס איז מיר געשען מיט די מענטשן, קינדער, נײַע חברים, וועלכע האָבן אָנגעהויבן זיך צו באַקענען, דורך מיר, מיט עפּעס וואָס איז פֿאַר זיי געווען נײַ? ווי אַזוי האָבן זיי רעאַגירט ווען זיי האָבן געזען ″אַ ייִד″?

כ'האָב אָנגעהויבן גיין אין אַ שול פֿון פֿוטזאַל. דאָס ערשטע מאָל בין איך אָנגעקומען פֿריִער צו רעדן מיטן פּראָפֿעסאָר. איך האָב זיך באַקענט מיט דעם טרענירער און זיך אָנגעהויבן איבערצוטאָן. און עס האָבן אָנגעהויבן אַרײַנצוקומען די אַנדערע קינדער. אַ פּשוטע באַגריסונג: ″איך בין יונה (כאָנאַס) און דו? ביז דעמאָלט בין איך גאָר נישט געווען אַנדערש ווי די אַנדערע. און דעמאָלט שטעלט זיך די פֿראַגע : אין וועלכן קלוב שפּילסטו? אין העבראַיִקא! האָב איך געענטפֿערט. דער נײַער בחור איז אַ ייִד!

און עס הייבן זיך אָן די פֿראַגעס: האָסט אַמאָל געגעסן חזיר? פֿאַר וואָס ניצסטו ניט קיין יאַרמלקע? דו שפּילסט ניט אום שבת? אין וועלכער שול לערנסטו זיך? ביסט געבוירן געוואָרן דאָ? דײַן משפּחה איז אויך פֿון אַרגענטינע?

כ'האָב זיי געענטפֿערט אָן קיין שום פּראָבלעם. פֿאַרשטייט זיך אַז דאָס באַליידיקט מיך ניט! פֿאַרקערט - איך פֿיל זיך וויכטיק דערקלערנדיק זאַכן פֿאַר מענטשן וואָס ווייסן ניט אַז דאָס זענען טאָג-טעגלעכע נישט וויכטיקע זאַכן. איך לאַך זיך אויך אויס: אַז ניט אַלע היטן-אָפּ אויף אַזוי פֿיל, אַז איך ניץ ניט ″דאָס היטל″ יעדן טאָג, אַז איך קען עסן חזיר (כאָטש באמת געפֿעלט עס מיר ניט), אַז איך מאַך מײַן שבת ווי יעדער איינער, און באמת איז ניט מײַן גאַנצע משפּחה אַ היגע: מײַן עלטערזיידע און מײַן עלטערבאָבע זענען געבוירן געוואָרן אין אייראָפּע. אַזוי האָב איך זיי געענטפֿערט אַ ביסל סאַרקאַסטיש.

אָבער איך האָב זיך פֿאַרטראַכט. און אַ פּאָר טעג שפּעטער האָב איך פֿאַרשטאַנען אַז מײַן נאָרמאַליטעט איז ניט נאָרמאַל. ווי קען זײַן אַז זיי זאָלן ניט וויסן אַז ניט אַלע זענען מיר אַזוי ווי די וואָס זיי זעען אין קינאָ אָדער אין טעלעוויזיע, און אַז מײַן לעבן איז ניט גלײַך צו זייערס? וויפֿל זאַכן טראַכטן מענטשן וועגן מיר בלויז ווײַל זיי דערוויסן זיך אַז איך בין אַ ייִד? וויפֿל זאַכן טראַכט איך וועגן אַנדערע איבער זאַכן וואָס איך ווייס וועגן זיי? אָבער וויפֿל ווייס איך וועגן זיי? גאָרנישט! וואָסערע בילדער פֿאַנטאַזיר איך אין מײַן מוח וועגן מײַן שכן, און וועלכע איז זייער פֿאַנטאַזיע וועגן אונדז? יעדער איינער פֿון אונדז האָט אַ מענטש אַנטקעגן זיך און מיר כאַפּן זיך ניט אַז מיר זענען אויך מענטשן?..

לעבן מײַן ברודער אין אַזאַ וויכטיקן מאָמענט פֿאַר מיר? פֿאַר וואָס איז דאָס נאָרמאַליזירט? וואָס איז דאָס "נאָרמאַלע"?

איך גיי-אַרײַן אין גוגל. אפֿשר קען מיר גוגל געבן אַן ענטפֿער. איך פּרוּוו אויסצוגעפֿינען אַ פֿאַרוואָס. איך געפֿין אַז די אײַנטיילונג, וואָס ווערט גערופֿן מחיצה, וואָס געוויסע שילן מאַכן צווישן מענער און פֿרויען, ווערט באַרעכטיקט ווײַל "עס טאָר גאָרניט זײַן וואָס זאָל אָפּווענדן דאָס האַרץ און דעם מוח פֿון דער העכסטער פֿאַרבינדונג מיטן רבונו של עולם. ס'איז נישט בלויז אַן אָפּטיילונג: עס מוז אין גאַנצן פֿאַרשטעלן די אויגן, אויב ניט — פֿירט זי ניט דורך איר ציל ווי געהעריק". איך לייען נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל און באמת פֿאַרשטיי איך ניט גוט צו וואָס עס טויג.

יאָ: איך האָב אַ ביסל זיך פֿאַרפּלאָנטערט מיט די פֿראַגעס. אָבער ניט אַלע קען איך באמת ענטפֿערן. עס געפֿעלט מיר ניט דער אונטערשייד. איך פֿיל אין דעם דיסקרימינאַציע און עס דערוועקט אין מיר ספֿקות. מײַן מאַמע האָט מיר דערקלערט אַז דאָס איז אויסצומײַדן צעשטרײַען די אויפֿמערקזאַמקייט ווײַל דאָס איז די טבע צווישן אַ מאַן און אַ פֿרוי. איך האָב געמיינט אַז עס האַנדלט זיך אין די ראָלן פֿון מענער און פֿרויען, ווײַל דאָס דעפֿינירט זיי. ס'געפֿעלט מיר ניט דאָס וואָס כ'האָב ערשט געזאָגט: אַ מאַן קען דען ניט קאָכן?

דער פֿאָרהאַנג פֿירט מיך צו טראַכטן וועגן אָפּגעשיידנקייט.

וועלכע זענען די אָפּגעשיידנקייטן וואָס מיר באַטראַכטן ווי וויכטיקע אין אונדזער רעליגיע און קולטור? ווי שטרענג זענען די אָפּגעשיידנקייטן? און אויב אַ ייִנגל טוט זיך אָן ווי אַ מיידל — פֿון וועלכער זײַט פֿאָרהאַנג דאַרף ער זיצן? און אויב דו געפֿינסט זיך מעבר די אָפּגעשיידנקייטן? ווער שאַפֿט די אָפּגעשיידנקייטן? פֿון וועלכער זײַט בלײַבן איינע און די אַנדערע? ווער איז נענטער צו דער תּורה? ווי נאָענט בין איך? וואָס וואָלט געשען ווען איך וואָלט אַמאָל געוואָלט זײַן פֿון יענער זײַט פֿאָרהאַנג?

אויב איך פֿאַרמאַך הײַנט מײַנע אויגן בין איך יענץ מיידל, 12 יאָר אַלט וואָס וואָלט זיך קיין מאָל ניט פֿאָרגעשטעלט אַז זי וועט זיך שטעלן אָט די פֿראַגעס. כ'האָב קיין מאָל ניט געקלערט צו דיסקוטירן מינהגים פֿון דער רעליגיע.

און אַפֿילו אויב איך טו עס הײַנט איז דאָס ניט מיט קיין נעגאַטיווער כּוונה, נאָר סתּם צוליב מײַנע ספֿקות. אין יענע צײַטן האָט מיך געפֿירט מײַן האַרץ, צוליב דער עמאָציע פֿון מײַן בת מצווה. דעריבער קריטיקיר איך זיך ניט. ס'איז געווען אַ ספּעציעלער מאָמענט.

הײַנט באַשליס איך מיר צו דערלויבן די ספֿקות וואָס זענען געווען פֿאַרבאָרגן ערגעץ אין מיר. ווײַל וועגן דעם האַנדלט זיך דאָס לעבן: זיך דערלויבן צו צווייפֿלען און באַפֿרײַען די געדאַנקען. מיר זענען דען ניט, ווי עס זאָגט אליהו טאָקער, "די אייגנטימער פֿון אונדזערע ספֿקות"? דאָס מיינט מוטיקייט. איך מיין אַז אויב מיר האָבן ניט דעם כּוח און מיר ריזיקירן ניט איז שווער צו ענדערן די ווירקלעכקייט. סײַ ווי סײַ, ווי עס זאָגט אויך טאָקער "עקזיסטירט ניט איין איינציקע ווירקלעכקייט און איין איינציקער אמת". וואָס וועל איך אָנווערן פֿרעגנדיק? גאָר ניט. עס קלינגט קיטש אָבער די ספֿקות ווײַזן מיר אַז אפֿשר איז אויף מײַנע פֿראַגעס קיין ענטפֿער ניטאָ. ווען איך רעד וועגן ענדערן די ווירקלעכקייט, מיין איך קריטיק און צווייפֿל און ניט מורא האָבן. פֿון אָט דער מורא שפּראָצט אַרויס כּוח, און פֿון די ספֿקות — די איבערצײַגונג. דאָס מיינט לעבן. ווען מיר וואָלטן געלעבט אָן אַ קריטיק אויף דער אַרומיקער וועלט אָדער אויף זיך אַליין וואָלט, דאָס לעבן געווען אַ ביסל לאַנגווײַליק.

ענדערונג מיינט אַדרענאַלין, פֿאָרשונג, שעפֿערישקייט!

ווי כ'האָב געזאָגט אין אָנפֿאַנג: איך האַס דעם פֿאָרהאַנג, אָבער ערשט האָב איך זיך געכאַפּט אַז אַ ביסעלע צערטלעכקייט פֿיל איך צו דעם, ווײַל אַ דאַנק דעם האָב איך מיר געשטעלט פֿראַגעס וואָס כ'האָב קיין מאָל וועגן זיי ניט געטראַכט, און ווען איך וועל זײַן אין שיל דאָס קומענדיקע מאָל וועל איך טאַקע קרײַצן דעם פֿאָרהאַנג אויף דער אַנדערער זײַט.

קרייַצן דעם פֿאָרהאַנג

פֿון דעמאָלט אָן האַס איך יענעם פֿאָרהאַנג. ס׳איז מײַן בת מצווה, אַ 25סטער מאַי, איך האַלט אין אויפֿנעמען מײַן משפּחה און מײַנע חברים וועלכע זענען געקומען מיך באַגלייטן. איך טרעף זיך מיט מײַנע מומעס וואָס איך האָב פֿון לאַנג ניט געזען. איך בין שטאַרק עמאָציאָנירט אין דעם מאָמענט, אַלע זענען דאָ פֿאַרזאַמלט צוליב מיר. דער פֿאָטאָגראַף נעמט אונדז אַ בילד מיט אַ פּאָר חברטעס און דער רבי הייבט אָן רעדן אויפֿנעמענדיק אונדז אַלע. איצט רופֿט מען מיך,(אוי וויי, די נערוון!) כּדי איך זאָל זיך דערנענטערן צו דער בימה ווײַל מע דאַרף שוין אָנהייבן. איך האָב אַ לאַנגע צײַט געהאַט צוגעגרייט אַ טעקסט. איך פֿלעג גיין אין שיל איין מאָל אַ וואָך אויף לעקציעס וואָס דעם רבינס טאָכטער האָט געלערנט מיט מיר און נאָך אַנדערע מיידלעך, צוצוגרייטן דעם טעקסט וואָס איך לייען איצט פֿאָר. דאָ לייען איך וועגן דער וויכטיקייט פֿון ווערן בת מצווה, און איך באַצי זיך צו די טעקסטן ״וואָס איז די נשמה?״ פֿון יאַנקי טאַובער, און ״די פֿרוי און דאָס הייליקטום״ פֿון טַלי לעוועטאַל. דאָ, פֿאַר אַלע, פֿיל איך זיך אַנדערש. וועט איר פֿרעגן פֿאַר וואָס? וואָס איז אַנדערש? מײַן ענטפֿער איז אָפֿן, איך פֿיל זיך אַ ביסל דערשראָקן ווײַל אַלע קוקן אויף מיר, אָבער איך פֿיל זיך אויך גליקלעך! גליקלעך וואָס איך פֿאַרמאָג אַרום מיר אַזוי פֿיל מענטשן וואָס האָבן מיך ליב און באַגלייטן מיך אין אַזאַ וויכטיקן מאָמענט פֿאַר מיר. אַלץ איז זייער שיין אָבער מײַן רעדע פֿאַרלענגערט זיך אַ ביסל.

איך פֿאַרענדיק לייענען. דאָס איז טאַקע געווען שפּאַנענדיק. ס׳האָבן מיר געשוויצט די הענט. איצט רעדט דער רבי. דער אמת איז אַ איך הער אים גאָר נישט. מײַנע חברטעס שמועסן. איך האָב זיי אַזוי ליב! מײַן טאַטע האָט געהאַט באַשטעלט אַ זינגער, און איצט שפּילט ער. סאַראַ וווּנדערלעכע שטימע האָט ער! מײַן מאַמע הייסט מיר זיך צוהערן ווײַל עס איז מײַן צערעמאָניע, אָבער איך קען ניט אויסמײַדן מיך צו צעשטרײַען. צוויי שעה זענען אַריבער און די צערעמאָניע פֿאַרענדיקט זיך מיט זייער אַ שיין ליד, אָבער איך קען זיך ניט דערמאָנען דעם נאָמען. מײַן מאַמע אָרעמט מיך אַרום שטאָלץ און גליקלעך, נאָך דעם מײַן מומע, מײַנע קוזינעס, מײַן באָבע, מײַן אַנדערע מומע, מײַנע חברטעס און אַלע, אַלע. איך געזעגן מײַנע חברטעס, איך דאַנק זיי וואָס זיי זענען געקומען.

מײַן מאַמע, מײַנע קוזינעס, מײַנע מומעס, מײַן באָבע און איך, מיר זענען געבליבן פֿון דער זײַט פֿאָרהאַנג. אין שיל זענען מיר די גאַנצע צײַט געווען אָפּגעזונדערט ווײַבער פֿון מענער דורך אַ פֿאָרהאַנג. מײַן טאַטע, מײַנע ברידער, מײַנע קוזינען, מײַנע פֿעטערס און מײַן זיידע זענען אויף דער אַנדערער זײַט פֿאָרהאַנג. מיר ווילן זיי גיין זען און טיילן זיך מיט זיי די גרויסע פֿרייד. איך וויל זיי אויך האַלדזן! איך בין מיט דער משפּחה, מיר שטייען פּונקט אַף יענער זײַט פֿאָרהאַנג. איך גיי פֿאָרויס, הינטער מיר מײַן מאַמע, לעבן איר - איר מאַמע, און הינטער זיי מײַנע שוועסטערקינדער און מומעס. אַזוי פֿיל שפּאַנונג איבער אַזאַ אײנפֿאַכע זאַך ווי קרייַצן אַ פֿאָרהאַנג? איך באַווײַז זיך און דערזע די וואָס זײַנען פֿון דער אַנדערער זײַט פֿאָרהאַנג. אַלע שמייכלען צו מיר. ענדלעך גייען מיר אַריבער. איצט האַלדזן מיך זייער שטאַרק מײַנע ברידער; מײַן טאַטע זאָגט מיר אַ פּאָר זייער שיינע ווערטער, מײַן זיידע גיט מיר צערטלעך אַ קוש און מײַנע

פֿעטערס באַגריסן מיך. איצט זענען מיר טאַקע אַלע דאָ, איבערלעבנדיק איינעם פֿון די וויכטיקסטע מאָמענטן פֿון מײַן לעבן.

אין דער רגע איז אַדורכגיין דעם פֿאָראַנג געוואָרן פֿאַר מיר אַ ״נאָרמאַלע״ זאַך. אזוי ״נאָרמאַל״ אַז איך האָב מיך כּמעט ווי ניט געכאַפּט. יענעם טאָג חאָב איך מיך געפֿילט צופֿרידענער וואָס איך בין געווען אין שיל אַרומגערינגלט פֿון מײַנע פֿרײַנד און מײַן משפּחה. הײַנט, ווען איך דערמאָן ווידעראַמאָל מײַן בת מצווה קען איך ניט אַרויסנעמען פֿון מײַן מוח יענעם דורכגאַנג..

״דורכקרײַצן דעם פֿאָרהאַנג״? וואָס באַטײַט דער פֿאָרהאַנג? וואָס וויל עס אונטערשטרײַכן (אַ חוץ דעם מין)? איבער וואָס דאַרף מען אונטערשיידן? פֿאַר וואָס איז עס אַזוי וויכטיק? פֿאַר וואָס עקזיסטירט ״די זײַט פֿאָרהאַנג״ און ״יענע זײַט פֿאָרהאַנג״? פֿאַר וואָס קען איך ניט זײַן, צ״ב,

ווער געפֿינט זיך נענטער צו דער תּורה?

ווי נאָענט בין איך?

וואָס וואָלט געשען ווען איך וויל אין אַ געוויסן טאָג זײַן פֿון יענער זײַט פֿאָרהאַנג?

רענאַטאַ פֿאַור
4טע יאָר
שול מאַרטין בובער
שטאָט בוענאָס-אײַרעס

דער ערשטער באַזוך, צו די שלושים (די צערעמאָניע צו די דרײַסיק טעג) אָפּצודעקן די מצבה . אויף דער מצבה זענען דאָ אויפֿשריפֿטן אויף העברעיִש אָדער ייִדיש, מיט סימבאָלן ווי צום בײַשפּיל דער מגן-דוד, די מנורה, קריגלעך וואָס סימבאָליזירן גמילת-חסד, אָדער צייכענונגען וועגן די צוועלף שבטים פֿון ייִדישן פֿאָלק.

דער ייִדישער בית-עלמין באַקומט אַ ספּעציעלע דימענסיע, אין דער דערמאָנונג פֿון דער ייִדישער קהילה פֿון אַרגענטינע און פֿון די ערשטע קאָלאָניסטן וואָס זענען אָנגעקומען אין אונדזער לאַנד. עס פֿאַרמאָגט זייער אַ ווערטפֿולן צייכן וואָס האַלט-אויף זייער אָנדענק און גיט-אָפּ כּבוד די פּיאָנערן, און די אַלע וועלכע האַבן מיט זייער מי און אָנשטרענגונג געשאַפֿן אַ ייִשוב פֿאַר אונדזער פֿאָלק וואָס גייט ווײַט אַריבער די גרענעצן פֿון דער קהילה און געהערט צו אונדזער פֿאָלק.

די געשיכטע פֿון דעם ערשטן יִידישן בית-עולם

״עס עקזיסטירט דאָקומענטאַציע אין וועלכער מע באַשרײַבט דעם שווערן אָנהייב פֿון די קאָלאָניסטן ווען זיי זענען אָנגעקומען אַהער אין לאַנד״

דער ערשטער בית-הקברות אין לאַנד, דאָס הייסט דער ערשטער יִידישער בית-עלמין פֿון אַרגענטינע, געפֿינט זיך אין מאָזעסוויל און איז געגרינדעט געוואָרן דעם 8ן יאַנואַר 1891, צוויי יאָר נאָך דעם ווי ס'האָבן זיך באַזעצט די ערשטע קאָלאָניסטן אין דער געגנט. אַזוי ווי דאָס איז געווען דער ערשטער יִידישער בית-עולם, זענען אין אים באַערדיקט געוואָרן מענטשן פֿון יִידישן אָפּשטאַם פֿון דער געגנט, און אויך פֿון פֿאַרשידענע פּראָווינצן ווי ענטרע-ריִאָס, סאַנטיאַגאָ דעל עסטעראָ, טוקומאַן און קאָרדאָבאַ.

איבער דעם אַרײַנגאַנג-טויער פֿונעם בית-עולם געפֿינט זיך אויסגעקריצט דאָס יאָר פֿון דער גרינדונג און אויך די אויפֿשריפֿט ״בית-הַחַיִּים״ דאָס מיינט ״הויז פֿון לעבן״. עס געפֿינט זיך אויך אַ וואַסער-פּאָמפּע, וואָס ווערט געניצט ווען די באַזוכערס פֿאַרלאָזן דאָס אָרט, ווי אַן אָנווײַז פֿון רעספּעקט פֿאַר די יִדישע טראַדיציעס, וואָס פֿאַרלאַנגט זיך צו וואַשן די הענט איידער מע פֿאַרלאָזט דאָס הייליקע אָרט.

ווי מען גיט-איבער מינדלעך איז דער באָדן וווּ עס געפֿינט זיך הײַנט דער בית-הקברות אַ טייל פֿון דעם שטח וואָס האָט געהערט צו דער פֿאַמיליע האָראָוויטש, וועלכע האָט עס געשאָנקען נאָך דער פּטירה פֿון זייערן אַ משפּחה-מיטגליד. לויט דעם באַזיץ-דאָקומענט פֿון יאָר 1940 איז די אייגנטימערין די ייִק״א פֿונעם באַראָן הירש, וואָס פֿאַרקויפֿט דעם שטח ערד דער חברה קדישה. די חברה קדישה איז געווען אַן אינסטיטוציע וואָס האָט אָנגעפֿירט מיט די דינים און מנהגים פֿון דער יִדישער קהילה אין איר אָנהייב, און מיט יאָרן שפּעטער, אין 1969 ווערט זי פֿאַרוואַנדלט אין דער יִדישער-קהילה פֿון מאָזעסוויל״. מיט אַ יאָר שפּעטער ווערט זי אָפֿיציעל פֿאַרשריבן ווי ״יִדישע קהילה פֿון מאָזעסוויל״, וועלכע איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַרן בית-עולם, די דרײַ שילן, דעם טעאַטער ״קדימה״ און די העברעיִשע שול פֿון דער שטאָט.

דער בית-עולם באַשטייט פֿון דרײַ אָפּטיילונגען. אַלע קברים זענען געווענדט קיין מזרח, קיין יְרושלַיִם. יעדע מצבה האָט דרײַ נומערן, וואָס ווײַזן-אָן אויפֿן סעקטאָר, שורה און קבר. דאָס דערמעגלעכט אַז די משפּחה, פֿרײַנד און באַקאַנטע פֿונעם טויטן זאָלן לײַכט קענען אָפּגעפֿינען אין דער רשימה דאָס אָרט פֿון זײַן קבורה. די באַשריבענע מעטאָדאָלאָגיע העלפֿט אויך די באַזוכערס און טוריסטן אין זייער גאַנג.

אינעם סעקטאָר נומער 6, דער עלטסטער, געפֿינט זיך אַ דענקמאָל פֿאַר די פֿאַרשטאָרבענע קינדער פֿון פּאַלאַסיאָס וועלכע זענען אומגעקומען איבער דער פֿאַרנאָכלעסיקײַט, הונגער און דעם מאַנגל אין וואַסער וואָס די ערשט-אָנגעקומענע אימיגראַנטן האָבן געליטן. אין מיטן בית-עולם געפֿינט זיך אויך אַ דערמאָנונג-מצבה פֿאַר די זעקס מיליאָן קרבנות פֿון חורבן.

עס געפֿינט זיך אויך אַ מאָנומענט לזכר דער פֿאַמיליע ווײַסמאַן, באַשטעלט אין דער שטאָט ראָסאַריאָ אין 1937. דאָס ווײַזסט אונדז די שוידערלעכע שוועריקײַטן וואָס האָבן אַדורכגעמאַכט די ערשט-אָנגעקומענע קאָלאָניסטן, איבער זייערע שפּראַך-פּראָבלעמען, און איבער די אָנגריפֿן, ווי צום בײַשפּיל די משפּחה ווײַסמאַן וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די ״גאַוטשאָס״.

לויט דער יִדישער הלכה, פֿלעגט מען אין אַמאָליקע צײַטן באַערדיקן דעם מת אײַנגעוויקלט אין די תכריכים און אָן אַן אָרון. אָבער מיט דער צײַט באַגראָבט מען אין אַ גרוב, און אַמאָל לאָזט מען בײַ דער זײַט אַ פֿרײַ פּלאַץ פֿאַר דעם מאַן אָדער ווײַב. די וועלכע זענען געשטאָרבן איבער ניט קיין נאַטירלעכן טויט (זיך גענומען דאָס לעבן, רציחה, דערטרונקענע) ווערן באַערדיקט אָפּגעזונדערט.

ווען אַ ייִד שטאַרבט קומט-פֿאָר זײַן לוויה בײַם פֿאַרמאַכטן אָרון און מיט אַ צודעק, און איידער מע ברענגט אים אין בית-עולם פֿירט מען אים דורך דער שיל, און מע דאַוונט די געהעריקע תּפֿילות צו געזעגענען דעם נפֿטר. נאָך דער קבורה וואַרפֿן די אָנוועזנדיקע דרײַ הויפֿנס ערד, מע פֿאַרדעקט דעם אָרון מיט דער איבעריקער ערד אַזוי אַז עס זאָל בלײַבן אַ בערגל. שפּעטער וועט די משפּחה זאָרגן אויסצואַרבעטן איבער דעם אַ ״גערטנדל״ ווו מע לייגט שטיינדלעך ווי אַן אָנווײַז אַז דער פֿאַרשטאָרבענער פֿאַרבלײַבט אין אַלעמענס זכּרון.

אַ חודש נאָך דער פּטירה פֿון אונדזערע ליבע, קומט-פֿאָר

קאַרטשעווסקי
5טע יאָר
ע.ע.ס.אָ. שול נומער 426 ״דאָמינגאָ פֿ. סאַרמיענטאָ״ מאָזעסוויל
סאַנטאַ-פֿע, אַרגענטינע

די ייִדישע אינמיגראַציע אין אַרגענטינע

כּדי צו פֿאַרשטיין ווער עס זײַנען אָנגעקומען און קומען נאָך ווײַטער אָן ווי אימיגראַנטן אין אַרגענטינע, איז נויטיק צו פֿאַרשטיין די סיבות איבער וועלכע מענטשן פֿילן זיך געצווונגען אָדער גענייגט צו פֿאַרלאָזן זייער אייגן היימלאַנד אָדער ווױנאָרט. דעריבער מוזן אַלע מיגראַטאָרישע פּראָצעסן וועלכע זענען פֿאָרגעקומען ביז הײַנט און קומען נאָך אַלץ פֿאָר אין אונדזער לאַנד באַטראַכט ווערן אין דעם קאָנטעקסט פֿון דעם קאָמפּליצירטן געוועב פֿון די גלאָבאַלע אויסשפּרייטונגען. אין דעם זין, באַציִען זיך די מיפּגראַטאָרישע פּראָצעסן ניט בלויז צו די באַדינגונגען פֿונעם אָנקום פֿון די מענטשן-מאַסן נאָר אויך צו די סיטואַציעס וואָס פֿירן צו זייער אויסוואַנדערונג.

אינעם פֿאַל פֿון אַרגענטינע האָבן מיר געלייגט דעם טראָפּ, איבערהויפּט, אין די אויפֿנעם-פּראָצעסן פֿון גרויסע גרופּעס אײַנוווינערס וואָס זענען אָנגעקומען אין לאַנד צווישן סוף 19טן יאָרהונדערט און אָנהייב 20סטן י.ה. כאָטש מיר שטעלן זיך ספּעציעל אָפּ אויפֿן אָנקום פֿון אָפּשטאַמיקע פֿון אייראָפּעיִשע לענדער, איז אָבער אויך ריכטיק צו פֿאַרשטיין אַז די געשיכטע פֿון דער אינמיגראַציע באַנעמט אויך אַ ברייטערע צײַט און אַ פּלוראַליזם פֿון אָפּשטאַמען, סײַ פֿון אַזיע, פֿון אַפֿריקע, ווי אויך לאַטײַן-אַמעריקאַנער, וועלכע שטעלן צוזאַמען אַ וויכטיקן טייל פֿון די אינמיגראַנטן וואָס זענען אָנגעקומען אין לאַנד פֿון 19טן י.ה ביז הײַנט צו טאָג.

די ייִדישע אינמיגראַציע טיילט טאַקע מיט מיט אַנדערע פֿעלקער געוויסע געמיינזאַמע שטריכן, אָבער גלײַכצײַטיק האָט זי אייניקע אינדיווידועלע כאַראַקטעריסטישע שטריכן. ייִדן האָבן אַקאָמפּאַנירט די פּאָליטיק פֿון צורעדן פֿאַר אינמיגראַציע זינט 1880 אָן, כאָטש זייער אָפּשטאַם איז זייער פֿאַרשידן; זיי קומען-אָן פֿון רוסלאַנד, פֿון אייראָפּע, פֿון אַראַבישע לענדער, אא״וו. אין דעם זין איז אויך פֿאַראַן אַ גרויסע פֿאַרשיידנאַרטיקײַט אין זייערע שפּראַכן, קולטור, סאָציאַל לעבן און אַפֿילו אין זייער גאַסטראָנאָמיע.

די סיבות פֿון דער ייִדישער אינמיגראַציע זענען געווען פֿאַרשידענע: מיט דעם ערשטן שטראָם (1854-1880) זענען אָנגעקומען פֿאָרשטייערס פֿון מסחר-פֿירמעס פֿון מערב אייראָפּע; די צווייטע אָבער איז געווען צוזאַמענגעשטעלט אין זייער גרעסטער מערהײַט פֿון פּליטים אַנטלאָפֿענע פֿון די פּאָגראָמען און אַנטיסעמיטישע פֿאַרפֿאָלגונגען אין רוסלאַנד און גאַנץ אייראָפּע, אָדער זוכנדיק אַ נײַ לעבן זיך צו ראַטעווען פֿון הונגער און יקרות. די ערשטע וועלט מלחמה (1914-1918) האָט איבערגעריסן, אין אַלגעמיין, דעם פֿלוס פֿון מיגראַציע. אָבער ער האָט זיך באַנײַט אין די 20ער יאָרן מיט ווינציקער אינטענסיוויטעט. אַ נײַעם שטויס האָט ער געקריגן איבער דעם אויפֿקום פֿון פֿאַשיזם אין אייראָפּע און די פּאָליטישע פֿאַרפֿאָלגונגען קעגן ייִדן. און בפֿרט באַנײַט די דיסקרימינאַציע פֿון נאַציזם קעגן ייִדן דעם אימפּולס פֿון ייִדישער אינמיגראַציע אין לאַנד מיטן אָנקום פֿון די פּליטים וואָס זוכן שוץ אין אַמעריקאַנער לענדער.

פּונקט ווי במשך דער ערשטער וועלט מלחמה, האָט זיך במשך דער צווייטער וועלט מלחמה איבערגעריסן די באַוועגונג פֿון וואַנדערנדיקע מאַסן-באַפֿעלקערונגען. און ערשט נאָכן סוף פֿון דער מלחמה און פֿון דעם חורבן פּרוּוון פֿון דאָס נײַ די לעבנס געבליבענע, די שארית הפליטה, צו זוכן אַ נײַ לעבן אין אַנדערע לענדער. אַרגענטינע איז איינער פֿון די לענדער וואָס נעמט-אויף די גרעסטע צאָל לעבנס-געבליבענע.[1] ייִדן האָבן געליטן מער ווי אַנדערע אינמיגראַנטן-פֿעלקער פֿון אָנקלאָגן און באַשולדיקונגען, פֿאַרפֿאָלגונגען און אַטענטאַטן. אַנטיסעמיטיזם איז געשטיגן אין די רעדעס סײַ פֿון נאַציאָנאַליסטן ווי בײַ קאָנסערוואַטיווע קרײַזן, וועלכע פֿלעגן באַשולדיקן ייִדן אין ״סעקטאַריזם״, ״ספּעקולאַציע״, ״פּאָליטישע אָנרעגונג״, ״צווייזײַטיקע טרײַהײַט״ אא״וו. אַנטקעגנצושטעלן זיך די באַשולדיקונגען זענען אויפֿגעקומען געוויסע אָרגאַניזאַציעס מיטן ציל זיי צו רעפּרעזענטירן און פֿאַרמיטלען, כּדי די רעגירונג זאָל זיך באַמיִען אָנצונעמען אַקציעס קעגן דיסקרימינאַציע.

נאָך אַריבער אַ יאָרהונדערט פֿון אָנוועזנהײַט אין לאַנד, האָט די ייִדישע אינמיגראַציע איבערגעלאָזט אַ ברייטע ירושה אין סאָציאַלן, קולטורעלן, פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און אינטעלעקטואַלן לעבן פֿון אונדזער געזעלשאַפֿט, ווי עס ווײַזט זיך אַרויס אין די אַרבעטן פֿון אונדזער פֿאַרמעסט, זענען ייִדן אײַנגעבילדעט אין אַלע שיכטן פֿון דעם טאָג-טעגלעכן רײַכן פֿילפֿאַכיקן קולטורעלן לעבן פֿון אַרגענטינע.

---

[1] כאָטש דער צירקולאַר 11 פֿון דעם אויסערן מיניסטעריום האָט אין 1938 פֿאַרבאָטן דעם דיפּלאָמאַטישן אַנסאַמבל אַרויסגעבן וויזעס אַדורצופֿאָרן אָדער זיך צו באַזעצן סײַ פֿאַר אומגעוווּנטשענע מענטשן אָדער אָן אַ לאַנד, זענען אַ סך ייִדן געהיימערהייט אַרײַן און שפּעטער רעגולאַריזירט זייער בירגער- צושטאַנד בשעת דער רעגירונג פֿון גענעראַל כואַן דאָמינגאָ פּעראָן

זשורי:

דיעגאָ שולמאַן
שוועדישע אַמבאַסאַדע

סאָל סטיינמאַן, עמנואל קאַהאַן
און וואַנדאַ וועשלער.
דערציִונגס מיניסטעריום

אַנאַ דיאַמאַנט
ייִדישער קולטור פֿאַרבאַנד
איקוף אַרגענטינע

אַברהם ליכטענבוים
ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער
אינסטיטוט - ייִוו״א פֿונדאַציע

דער דערציִונגס מיניסטעריום פֿון ארגענטינע באַגרײַפֿט דערציִונג אין און פֿאַר מענטשרעכט ווי אַ שטאַטלעכע פּאָליטיק וואָס דרינגט אַדורך די אַנטוויקלונג פֿון אַלע דערציִערישע נאַציאָנאַלע אַקטיוויטעטן. אַזוי אַרום איז איר צוגאַנג איז פּאַראַלעל און אָנווענזנד לענג-אויס דעם גאַנצן דערציִונגס סיסטעם, און אַנטהאַלט די פֿאַרשידענע שטחים וואָס פֿאַרבינדן זיך אין אַן אינטעגראַלער פּערספּעקטיוו אין פֿאַרבינדונג מיט דער פֿאַרטיידיקונג און פֿולער גילטיקייט פֿון מענטשנרעכט.

די לייטונג פֿון דערציִונג פֿאַר מענטשנרעכט, מין און אינטעגראַלע סעקסועלע דערציִונג און סאָציאַלע און קולטורעלע דערציִונג, אַנטוויקלט דורך איר פּראָגראַם דערציִונג און זכּרון די איבערגעבונג און לערע פֿון דער נאָענטער פֿאַרגאַנגענהײַט דורך דער אויסאַרבעטונג פֿון מאַטעריאַלן, און גרייטן-צו די לערערס איבערן גאַנצן לאַנד. איר אַרבעט ווערט אָרגאַניזירט אַרום דרײַ טעמעס: זכּרון פֿון דער דיקטאַטור, שטאַטלעכער טעראָריזם אין אַרגענטינע; מאַלווינען אינדזלען: זכּרון, סוּווערעניטעט און דעמאָקראַטיע; חורבן און אַנדערע גענאָזידיומס.

די פֿעדעראַלע און נאַציאָנאַלע פּאָליטיק ווערט אײַנגערעכנט אין נאָרמאַטיווע ראַמען, איבערהויפּט דער געזעץ פֿון נאַציאָנאַלער דערציִונג נר. 202.62, באַשטעטיקט אין 2006 , אין וואָסערן דריטן אַרטיקל ווערט אָנגעוויזן אַז ״די נאַציאָנאַלע דערציִונג איז אַ נאַצציאָנאַלע פּריאָריטעט, וואָס ווערט באַטראַכט ווי אַ שטאַטפּאָליטיק אויפֿצובויען אַ גערעכטיקע געזעלשאַפֿט, צו באַשטעטיקן די זעלבסטשטענדיקייט און דרום אַמעריקאַנער אידענטיטעט, פֿאַרטיפֿן די פּראַקטיק פֿון דער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפֿט, רעספּעקט פֿאַר רעכטנמענטש און די פֿונדאַמענטאַלע פֿרײַהײַטן, און פֿאַרפֿעסטיקן די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אַנטוויקלונג פֿונעם לאַנד.

אַרגענטינע האָט אין יאָר 2000 אונטערגעשריבן די דעקלאַראַציע פֿון שטאָקהאָלם, לויט וועלכער די מיטגלידער-לענדער פֿאַרפֿליכטן זיך אָנצווווענדן פּאָליטיקן און פּראָגראַמען אַף צו שטיצן די דערציִונג, , זכּרון און פֿאָרשונג פֿון חורבן. הײַנט צו טאָג איז אַרגענטינע דאָס איינציקע לאַנד פֿון לאַטײַן אַמעריקע וואָס אינטעגרירט פֿולשטענדיק די אינטערנאַציאָנאַלע אַליאַנס פֿאַר דער דערמאָנונג פֿונעם חורבן (ירהא אויף ענגליש), מיט דער ברייטער אַנערקענונג פֿון די אַנדערע שטאַטן צוליב איר אַקטיווער אַרבעט בנוגע דער דערמאָנונג און לערן פּראָגראַמען וועגן חורבן און מענטשנרעכט. עס באַטייליקן זיך אויך אין אויסאַרבעטן אַ לאָקאַלן קאַפּיטל פֿון דער אַליאַנס, דער מיניסטעריום פֿאַר יוסטיץ און מענטשרעכט און דער מיניסטעריום פֿאַר אויסערלעכע ענינים און רעליגיע, חוץ אַנדערע אָרגאַניזאַציעס פֿון דער ציווילער געזעלשאַפֿט.

דער אויפֿרוף צו שרײַבן די אַרבעטן ווערט געבוירן אַ דאַנק אַן אײַנלאַדונג פֿון דער אַמבאַסאַדע פֿון שוועדן אין אונדזער לאַנד זיך צו באַטייליקן אין די אַקטיוויטעטן וואָס האָבן דורכגעפֿירט עטלעכע שטאַטן אין די ראַמען פֿון דער מאַלמאָ-קאָנפֿערענץ, רימעמבער-ריאַקט פֿון 2021, צענטראַליזירט אינעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם. דער דערציִונגס-מיניסטעריום, דורך דער פּראָגראַם דערציִונג און זכּרון, האַלט פֿאַר וויכטיק דעם ווערטפֿולן בײַטראָג וואָס מיינט געבן אַ וואָרט און באַטייליקן די סטודענטן פֿונעם גאַנצן לאַנד, און פֿאַרפֿליכטעט זיך אָנצוהאַלטן די געמיינזאַמע אַקטיוויטעט. גלײַכצײַטיק זענען פֿאַרבעטן געוואָרן אָרגאַניזאַציעס פֿון דער ציווילער געזעלשאַפֿט וועלכע האָבן אַ פֿאַרבינדונג מיט דער טעמאַטיק, זיך צו באַטייליקן אין דער איניציאַטיוו. עס האָבן אָנטייל גענומען צוויי אינסטיטוציעס וואָס שטיצן אין אונדזער לאַנד די ייִדישיסטישע קולטור: דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט (ייִוו״א), און די פֿעדעראַציע פֿון ייִדישע קולטורעלע פֿאַראיינען אין אַרגענטינע (איקו״ף). וועלכע האָט זיך פֿאַרפֿליכטעט אינעם פֿאַררוף און אַנטוויקלונג פֿון די אַקטיוויטעטן.

דער ציל פֿונעם פֿאַררוף באַשטייט אין פֿאַרבעטן די שולן צו אַנטדעקן דורך דער פֿאָרשאַרבעט און דערציילערישער שאַפֿונג פֿון די תּלמידים, די ירושה און מאַטעריעלע שפּורן פֿון דער ייִדישער אָנוועזנהייט אין אַרגענטינע.

די טעקסטן וואָס שטעלן צוזאַמען ״מעשׂיות און שפּורן, דערציילן די איבערלעבונגען און השפּעות פֿון דער ייִדישער קולטור אין אַרגענטינע״ שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ בײַטראָג פֿון די אָנפֿאַנג שולן און מיטל שולן פֿון לאַנד איבערצודענקען דעם קאָלעקטיוון זכּרון און אויפֿבויען אַ דעמאָקראַטישע געזעלשאַפֿט אין איר פֿאַרשיידנקייט.

מיר רעדן דאָ וועגן פּערזענלעכע און משפּחה געשיכטעס, אַ פּאָר פֿון זיי אויטאָביאָגראַפֿישע און אַנדערע דערציילטע ווי פֿיקציעס אויף דער באַזע פֿון פֿאָרשונגען וועגן מוזעומס, פֿאָרשטעלנדיק מעשׂיות וועגן זאַכן, ערטער און עדותן.

אייניקע פֿון די אַרבעטן פֿאַרבינדן מיגראַציע מיטן חורבן וואָס פּרובירן אויפֿצוהאַלטן דעם ווייטיקלעכן צייכן פֿון די ייִדישע קרבנות אין אייראָפּע, און רירט-אָן גלײַכצײַטיק די הײַנטיקע סטודענטן.

אין יעדן פֿאַל מוז מען געדענקען אַז עס האַנדלט זיך אין שול-אַרבעטן פֿון פֿאַרשיידענע ערטער פֿון לאַנד, באַגלייט פֿון זייערע לערערס אין די פֿאַרשיידענע ראַמען, צו באַאַרבעטן די טעמאַטיק. אַזוי אַרום באַמערקט מען די פֿילפֿאַרביקייט בײַם באַהאַנדלען די טעמעס.

די אַרבעטן ווערן פּובליקירט אויף שפּאַניש און ייִדיש, איינע פֿון די שפּראַכן וואָס ייִדישע אינמיגראַנטן האָבן מיט זיך געבראַכט אין אונדזער לאַנד, און אויך איינע פֿון די נאַציאָנאַלע שפּראַכן אין שוועדן, צוריק צו באַקומען אַ טייל פֿון דער קולטור און אידענטיטעט פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג וואָס דער חורבן האָט געפּרוּווט אויסצומעקן, און הײַנט לעבן מיר עס אויף פֿון דאָס נײַ דורכן קול און דעם בליק פֿון אַרגענטינער סטודענטן.

פּראָגראַם פֿאַר דערציִונג און זכּרון

דערציִונג און זכּרון

מעשׂיות און שפּורן איז דער פּועל-יוצא פֿון אַ צוזאַמענרוף צו וועלכן עס זענען פֿאַרבעטן/אײַנגעלאַדן געוואָרן אונדזערע שילערס און שילערינס נאָכצופֿאָרשן די מאַטעריעלע, קולטורעלע און סימבאָלישע צייכנס פֿון דער ייִדישער אימיגראַציע אין אַרגענטינע. די פֿאָרשונג-אַרבעטן וואָס זענען אַנטוויקלט געוואָרן דורך די שולן וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם פֿאָרשלאַג ווײַזן אונדז די פֿאַרשידענע אויפֿנס אין וועלכע די צאָלרײַצע גרופּעס אימיגראַנטן וואָס זענען אָנגעקומען אין אונדזער לאַנד האָבן געלאָזט זייערע צייכנס – זייערע דערציילונגען און שפּורן – אין דער קולטור און אין דער געזעלשאַפֿט.

פֿאַרצײַטנס איז די באַנעמונג/באַגריף געווען אַז אונדזער לאַנד איז געווען אַ שמעלצטאָפּ אין וועלכן אַלע געזעלשאַפֿטן פֿון אימיגראַנטן שמעלצן זיך צוזאַמען אין אַ נײַער האָמאָגענישער נאַציאָנאַלער אידענטיטעט. הײַנטיקע דערפֿאַרונגען וועגן דער אימיגראַציע שאַצן בעסער אָפּ די שאַפֿונג פֿון אַ פּילזײַטיקער / פּילפּנימדיקער געזעלשאַפֿט מיט אייגנאַרטיקע באַפֿעלקערונגען וואָס לאָזן זייער בײַטראָג, ניט אָפּזאָגנדיק זיך פֿון זייערע טראַדיציעס, זייערע גלויבנס און זייער מקורדיקער אידענטיטעט. די אַנערקענונג גיט אונדז די מעגלעכקייט אָפּצושאַצן די פּילפֿאַכיקע קולטורן וואָס שטעלן צוזאַמען און לעבן אויף אונדזער טעריטאָריע.

מעשׂיות און שפּורן קלײַבט צונויף די אַרבעטן וואָס סטודענטן פֿון שולעס פֿון אונדזער לאַנד האָבן צוגעגרייט מיטן צוועק צו פֿאָרשן אין די דערפֿאַרונגען פֿון דער ייִדישער אימיגראַציע. לייענענדיק קענען מיר באַמערקן אַז צוויי צײַט- מאָמענטן קומען זיך צוזאַמען: די פֿאַרגאַנגענהײַט און די קעגנוואַרט. די שפּורן פֿון יענעם מיגראַטאָרישן פּראָצעס ווערן צוריק אַנטדעקט דורך דער דערפֿאַרונג פֿון אונדזער יוגוואַרג וועלכע, אין אַ נײַעם היסטאָרישן מאָמענט, פֿרעגן זיי זיך נאָך וועגן די באַדינגונגען פֿון אַ געמיינזאַם לעבן וואָס זאָל מיט פֿרייד אָננעמען די פֿאַרשידנקײַט און דעם רעספּעקט פֿאַר די וועלכע האָבן אַנדערע לעבנס געשיכטעס, ביאָגראַפֿיעס און אַן אַנדערע וועלט אָנשויונג.

די פֿאָרעמס זיך צו דערנענטערן צו אונדזערע געשיכטעס זענען ניט בלויז אַ מיטל זיך צו באַקענען מיט אונדזער פֿאַרגאַנגענהײַט, נאָר זיי דינען אויך צו גרינדען אַ דעמאָקראַטישע געזעלשאַפֿט וואָס נויטיקט זיך אין פּראַקטיצירן און אויסאיבן . דעם זכּרון. אונדזער פֿליכט שטייט-אײַן אין פֿאַרוואַנדלען די געשיכטעס וואָס דאָס ביכל האָט אָפּגעראַטעוועט אין אַ ירושה פֿאַר די קומענדיקע דורות.

חיִים פּערטשיק

דערציִונגס-מיניסטער

סוף פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָט מען אָנגעהויבן צו באַמערקן אין שוועדן און איבער דער גאָרער וועלט אַ צופֿלוס פֿון אַנטיסעמיטיזם וואָס ווערט באַגלייט פֿון אַ פֿעלן פֿון פֿאַרשטאַנד און ס'האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַרגרעסערן די לייקענונג פֿון חורבן. אין דעם קאָנטעקסט אין דעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און פֿאַר דער אַרבעט צו געדענקען דעם חורבן האָבן די פּאָליטיקן פֿון שוועדן באַקומען אַ וויכטיק פּלאַץ און דער הויכפּונקט איז געווען אין יאָר 2000 אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן פֿאָרום קעגן אַנטיסעמיטיזם אין שטאָקהאָלם. ווי אַ פּועל יוצא פֿון דעם פֿאָרום און די שוועדן דעקלאַראַציע, זײַנען די באַזע פֿאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער אַליאַנס פֿאַרן זכּרון פֿון חורבן, (יהרא אויף ענגליש) געשאַפֿן אין 1998 דורכן דעמאָלטדיקן שוועדישן פּרעמיער מיניסטער גאָראַן פּערססאָן.

אין אָקטאָבער 2021, 21 יאָר נאָכן שטאָקהאָלמער פֿאָרום, האָט דער שוועדישער פּרעמיער מיניסטער סטעפֿאַן לאָפֿווען אָרגאַניזירט אַן אינטערנאַציאָנאַלן פֿאָרום אין מאַלמאָ צו געדענקען דעם חורבן און דעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, רימעמבער – ריאַקט, מיטן ציל צו נאָכגיין דעם אָריגינאַלן פֿאָרום דורך אַ באַדײַטנדיקן בײַטראָג אין די אָנשטרענגונגען אָנצוהאַלטן מיט אַ לעבעדיקן זכּרון און אינספּירירנדיק נײַע אַקציעס און מאָסמיטלען קעגן אַנטיסעמיטיזם.

דער פֿאָרום אין מאַלמאָ האָט אונטערגעשטראָכן דעם קאָנטעקסט פֿאַר אַ פּראָיעקט ״זכרונות און שפּורן, צו דערציילן די איבערלעבונגען און צייכנס פֿון דער אינמיגראַציע און ייִדישער קולטור אין אַרגענטינע״ אָרגאַניזירט דורך דער שוועדישער אַמבאַסאַדע אין בוענאָס אײַרעס און דעם נאַציאָנאַלן דערציִונגס מיניסטעריום דורך דער פּראָגראַם דערציִונג און זכּרון. דאָס איז געווען געווענדעט צו די תּלמידים פֿון די פֿאָלקשולן און מיטלשולן פֿון דעם גאַנצן לאַנד, און דער ציל איז געווען אַ בײַטראָג אינעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם מיט זײַטיקע סטראַטעגיעס. פֿון איין זײַט האָט מען סטימולירט דאָס שרײַבן וועגן הומאַניסטישע אויפֿפֿירונגען לגבי דעם אַנדערן ווי אַ פֿאָרעם צו באַקעמפֿן פּיראורטיילן וואָס געפֿינען זיך אין דער אַלגעמיינער געזעלשאַפֿט און אין די סאָציאַלע נעצן בפֿרט. גלײַכצײַטיק האָט מען געוואָלט אונטערשטרײַכן די בײַטראָגן פֿון דער ייִדישער אינמיגראַציע אין אַרגענטינע, די היים פֿון דער גרעסטער ייִדישער קהילה אין לאַטײַן אַמעריקע, פֿון בערך אַ 200000 פּערזאָן.

דאָס בוך נעמט אַרײַן אַ סעלעקציע פֿון 17 טעקסטן, געשריבן דורך תּלמידים פֿון פֿאַרשיידענע טיילן פֿון אַרגענטינע. יעדע איינע פֿון די דערציילונגען איז באַגלייט מיט אַן איבערזעצונג אויף ייִדיש, איינע פֿון די פֿינף מינאָריטאַרע נאַציאָנאַלע שפּראַכן אין שוועדן. די ווערסיעס אויף ייִדיש זענען אַ סימבאָלישער אַקט וואָס קאָנקרעטיזירט די קאָנסעקווענצן פֿון דעם חורבן, און דאָס ווערט צוגעשטעלט ווי אַ פּײַערונג צו דער שפּראַך, צו דער ייִדישער קולטור, און פֿאַר דער אַנדערשקײַט פֿון די געזעלשאַפֿטן אין ביידע לענדער

ס'איז פֿאַר מיר אַ שטאָלץ פֿאָרצושטעלן די קאָמפּילאַציע, דעם אָפּקלײַב פֿון די טעקסטן וואָס נעמען אַרײַן, צווישן אַנדערע, עדות וועגן ייִדישן קאָאָפּעראַטיוויזם אין לאַ פּאַמפּאַ, אַ פֿאָרשונג איבער די ייִדישע אינמיגראַנטן אין גענעראַל ראַמירעז אין ענטרע ריִאָס, און אַ דערציילונג וועגן דעם צוזאַמענקום מיט די ייִדן אין טוקומאַן, צוגלײַך מיט מחשבות, געדאַנקען פֿון בוענאָס אײַרעס מיט דער טרעפֿונג מיט דעם צווייטן, וואָס קען זײַן שאָקירנדיק אָבער באַרײַכנדיק. איך דערוואַרט אַז דער רוף פֿון יונגעלײַט צו שרײַבן און פֿאָרשן וועגן די שפּורן פֿון דער ייִדישער קולטור אין זייערע געמיינדעס זאָל האָבן בײַגעטראָגן צו אַ קאָנסטרוקציע פֿון נײַע זכרונות און קענטענישן איבער דער ייִדישער אָנוועזנהייט אין אַרגענטינע. די דאָזיקע איצטיקע דערפֿאַרונגען זענען נאָך אַ בײַטראָג אָנצוהאַלטן דעם זכר פֿון חורבן. די ווערטער פֿון פּרעמיער מיניסטער אין שוועדן, סטעפֿאַן לאָפֿווען זײַנען: ווען די שארית הפּליטה ווערט עלטער און שטאַרבט איז די אַרבעט פֿאַר די וואָס מיר לעבן נאָך וויכטיקער. מיר דאַרפֿן נעמען אונדזערע זכרונות פֿאָרויס און אָנהאַלטן שטענדיק אַן אָרט אין אונדזער זכּרון און אין אונדזערע הערצער, און רעדן וועגן דעם צווישן אונדז און מיט אונדזערע קינדער. און זאָגן: מיר ווייסן וואָס ס'איז געשען.

מיר וועלן ניט דערלויבן אַז דאָס זאָל ווידער אַ מאָל געשען.

מיר וועלן זיי קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן.

אַנדערס קאַרלסאָן

אַמבאַסאַדאָר פֿון שוועדן

זכּרון און רעאַקציע קעגן אַנטיסעמיטיזם

מעשׂיות און שפּורן

אַמבאַסאַדע פֿון שוועדן

דערציִונגס מיניסטעריום

דירעקציע פֿון דערציִונג פֿאַר מענטשנרעכט,
מין און אינטעגראַלע סעקסועלע פּראָגראַם
פֿאַר דערציִונג און זכרון.

פּראָיעקט-קאָאָרדינאַציע:

סאָל שטיינמאַן: דערציִונגס מיניסטעריום

דיעגאָ שולמאַן: שוועדישע אַמבאַסאַדע

אידיי

דיעגאָ שולמאַן

רעדאַקציע:

כוליעטאַ סאַנטאָס

איבערזעצונג:

ייִוו״א פֿונדאַציע

איבערזעצערין:

נחמה באַראַד

אויפֿזעונג:

אַברהם ליכטענבוים

טעכנישע לייטונג:

סילוויאַ האַנסמאַן

גראַפֿישע אויסשטאַטונג:

ראַמיראָ פּערעז.

מיר דריקן-אויס אונדזער דאַנקבאַרקייט:

אַלע תּלמידים וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם אויפֿרוף, די לערערס און די שולן וואָס האָבן געהאָלפֿן אין דער איניציאַטיוו.
אַלע מיטגלידער פֿון דער נאַציאָנאַלער דערציִונגס נעץ וואָס האָבן באַגלייט דעם פּראָיעקט אין יעדער פּראָווינץ פֿון לאַנד.

פּרעזידענט

דר. אַלבערטאָ פֿערנאַנדעז

וויצעפּרעזידענטקע

דר. קריסטינאַ פֿערנאַנדעז — קירשנער

קאַבינעט-שעף

דר. כואַן לויִס מאַנזור

דערציִונגס מיניסטער

חיִים פּערטשיק

ראַטגעבערס-קאַבינעט

פּראָפֿ. דאַניעל כאָסע פּיקאָ

דערציִונגס-סעקרעטאַריאַט

דר. סילווינאַ גווירץ

אונטערסעקרעטאַר פֿון סאָציאָקולטורעלער דערציִונג

ליצענציאַט אַלעכאַנדראָ האָראַסיאָ גאַריי.

Ministerio de Educación
Argentina

Embajada de Suecia
Buenos Aires

ICUF איקוף

FUNDACIÓN IWO
יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט
INSTITUTO JUDÍO DE INVESTIGACIÓN

מעשׂיות און שפּורן

דערציילן די איבערלעבונגען און השפּעות פֿון דער
ייִדישער קולטור אין אַרגענטינע